בעזהשי"ת

## קוּנְטְרֵס

# דֶערְהַאלְט זִיךְ בְּרוּדֶער

עֶס אִיז מְחַזֵּק אַ מֶענְטְשׁ זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן מִיט אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן טְרָאץ דִי בִּיטֶערֶע שְׁוֶועריַקייטְן וָואס עֶר גֵייט דוּרְךְ, אוּן דִי לֵיצָנוּת וָואס מֶען מַאכְט פוּן אִים, ווייל צוּם סוֹף וֶועט אִים זִיכֶער גוּט זַיין, אוּן דֶעמָאלְטְס וֶועט מֶען זֶעהן וֶוער עֶס לַאכְט פוּן וֶועם

פָּארְגֶעלֶערְנְט דוּרְךְ

## כְּבוֹד קְדוּשַּׁת הָרַב הַצַּדִּיק מוֹהֲרָא"ש זי"ע

לֵיל שִׁשִּׁי פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, תשע"ד

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּין, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

## רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ

## רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל, פוּן גְמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר.

אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן בעזהש"ת
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - קִרְיַת יוֹאֵל יצ"ו

**היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**
Heichal Hakodesh Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

**היכל הקודש ברסלב בלומינג גראוו**
Heichal Hakodesh
Blooming Grove
24 Merriewold LN S
Monroe NY 10950
1-845-238-0804

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

**נדפס ע"י קרן הדפסה היכל הקודש**
181 Huschke Rd. Hurleyville, NY 12747
**718-387-2691**

www.BreslevCenter.com
צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

**קול ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212-444-9169**

# דֶערְהַאלְט זִיךְ בְּרוּדֶער

## א.

### אַ וֶועג אַרוֹיס פוּן דִי צָרוֹת

אוֹיף יֶעדְן מֶענְטְש אִין דֶער וֶועלְט גֵייט אִין זַיין קוּרְצֶע לֶעבְּן אִיבֶּער פַארְשִׁידֶענֶע שְׁוֶועריִקַייטְן וָואס עֶס אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער אָנְצוּנֶעמֶען, אָבֶּער אַמָאל גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אֵיינֶעם אַזוֹיפִיל צָרוֹת אַז עֶר שְׁפִּירְט אַז עֶס אִיז שׁוֹין דֶערְנָאךְ, דִי צָרוֹת נֶעמֶען מִיךְ אַרוּם פוּן אַלֶע זַייטְן אַז אִיךְ וֵייס שׁוֹין נִישְׁט וָואס צוּ טוּהן, אִיךְ בִּין שׁוֹין אַזוֹי שְׁטַארְק אַרָאפְּגֶעפַאלְן אַז אִיךְ זֶעה שׁוֹין נִישְׁט קֵיין שׁוּם וֶועג אַרוֹיס, אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ וֶועל שׁוֹין

## דֶערְהַאלְט זִיךְ בְּרוּדֶער

פוּן דֶעם קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט קֵיין תַּקָנָה, קוּמְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוּן זָאגְט: וָואס אִיז מִיט דִיר? "עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַז עֶס אִיז שׁוֹין דֶערְנָאךְ אוּן עֶס אִיז שׁוֹין נִישְׁט דָא אַ וֶועג אַרוֹיס!" מֶען קֶען זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אַרוֹיסְזֶעהן פוּן אַלֶע צָרוֹת אוּן פוּנֶעם מִדַת הַדִין וָואס הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעשְׁטַארְקְט, אוּן וָואס אִיז טַאקֶע דִי עֵצָה?! זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן עו): דוּ זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן גֵיין אוֹיף אַ וֶועג פוּן לִיבְּשַׁאפְט, אָנְהֵייבְּן צוּ טוּהן חֶסֶד מִיט אִידְן, אוּן מְחַיֶה זַיין אוּן אוֹיפְלֶעבְּן אַנְדֶערֶע אִידְן, דָאס וֶועט דִיךְ צוּרִיק בְּרֶענְגֶען דַיין מֹחַ, אוּן דוּ וֶועסְט קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן דַיינֶע צָרוֹת, אוּן אַלֶעס וֶועט זִיךְ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן צוּם גוּטְן.

## בִּין אִיךְ שׁוֹין דֶערְנָאךְ !?

מִיט דֶעם טַייטְשְׁט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דֶעם פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כב, א): וַיְהִי אַחַר הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה וְהָאֱלֹקִים נִסָּה אֶת אַבְרָהָם; "וַיְהִי" - וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט צַעַר (עַיֵּין מְגִילָּה דַף י ע"ב), אוּן עֶר שְׁפִּירְט בַּיי זִיךְ "אַחַר הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה" - עֶס אִיז שׁוֹין דֶערְנָאךְ, אִיךְ בִּין שׁוֹין אַ פַארְפַאלֶענֶער חַס וְשָׁלוֹם; "וְהָאֱלֹקִים נִסָּה" - אַז דוּ ווילְסְט אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם מִידַּת הַדִּין אוּן זִיךְ אַרוֹיסְזֶעהן פוּן דִי צָרוֹת, וָואס אִיז דִי עֵצָה? "אֶת אַבְרָהָם" - דוּ זָאלְסְט גֵיין מִיט דִי מִידָּה פוּן אַבְרָהָם, וָואס עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעגַאנְגֶען מִיט לִיבְּשַׁאפְט אוּן מִיט חֶסֶד, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ זָאלְסְטוּ אוֹיךְ נָאר טוּהן חֶסֶד מִיט אַנְדֶערֶע אִידְן, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם מִידַּת הַדִּין, אוּן אַלֶעס וֶועט דִיר לַייכְטֶער וֶוערְן.

## אַ גוּט וָוארְט פַאר אַ צְוֵוייטְן

דֶערִיבֶּער אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ צוּ טוּהן חֶסֶד מִיט אַ צְוֵוייטְן אִיד אוּן אִים אַרוֹיסְהֶעלְפְן מִיט וָואס מֶען קֶען, זָאגְן אַ גוּט וָוארְט פַאר אַ צְוֵוייטְן, מְחַזֵק זַיין אוּן הֶעלְפְן אַ בָּחוּר, הֶעלְפְן אַ אִינגֶערְמַאן אָדֶער אַ פְרוֹי, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ וָואס מֶען קֶען טוּהן אוֹיף דֶער וֶועלְט.

## פַארְוָואס פְלוּצְלִינְג בִּישְׁטֶענֶע?

ווִי בַּאקַאנְט הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מָרְדְכַי נַאדְבוֹרְנֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זִיךְ אַרִיבֶּערְגֶעצוֹיגְן אוֹיף דִי עֶלְטֶערֶע יָארְן קֵיין בִּישְׁטֶענֶע, דָאס אַרִיבֶּערְצִיעֶן אִיז גֶעוֶוען פְלִיצְלוּנְג פוּן אֵיין מִינוּט אוֹיפְן צְוֵוייטְן, עֶס אִיז דָא פַארְשִׁידֶענֶע טַעֲמִים דֶערוֹיף, רוֹב טַעֲמִים וֵוייסְט מֶען בִּכְלַל נִישְׁט, אָבֶער אֵיינֶע פוּן דִי שְׁטַארְקֶע טַעֲמִים אִיז גֶעוֶוען, וַוייל דָארְטְן אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער טְרֶעין סְטֶעישָׁאן וואוּ עֶס פְלֶעגְן שְׁטֶענְדִיג קוּמֶען אַסַאךְ

אוֹרְחִים, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מָרְדְכַי הָאט גֶעוָואלְט טוּהן חֶסֶד אוּן גְלַייכְצַייטִיג מְזַכֶּה זַיין דֶעם עוֹלָם מִיט חֶסֶד, דֶערִיבֶּער הָאט עֶר זִיךְ דָארְט בַּאזֶעצְט, וַוייל אִים אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין לֶעבְּן צוּ הֶעלְפְן אִידְן, ווִי מִיר קֶענֶען זִיךְ דָאס אוֹיךְ אִיבֶּערְצַייגְן פוּן דִי פָאלְגֶענְדֶע מַעֲשֶׂה:

## ווִיכְטִיגֶער פוּנֶעם שַׁבָּת הַגָּדוֹל דְרָשָׁה

אֵיינְמָאל הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מָרְדְכַי׳לֶע גֶעשִׁיקְט אַ שָׁלִיחַ צוּם הֵיילִיגְן לִיסְקֶער רָב בַּעַל אַךְ פְּרִי תְּבוּאָה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר זָאל אִים אִיבֶּערְגֶעבְּן דָאס פָאלְגֶענְדֶע: דֶער מְחַבֵּר זָאגְט אָנְפַאנְג הִלְכוֹת פֶּסַח (אוֹרַח חַיִים סִימָן תכט): שׁוֹאֲלִין בְּהִלְכוֹת פֶּסַח... שְׁלֹשִׁים יוֹם - מֶען לֶערְנְט דִי הֲלָכוֹת פוּן פֶּסַח דְרַייסִיג טֶעג פַארְן יוֹם טוֹב פֶּסַח. זָאגְט אוֹיף דֶעם דֶער רְמָ״א: וּמִנְהָג לִקְנוֹת חִטִים - מֶען פִירְט זִיךְ צוּ קוֹיפְן וַוייץ צוּ קֶענֶען פַארְטֵיילְן פַאר דִי אָרֶעמֶעלַייט זֵיי זָאלְן הָאבְּן מַצוֹת

אוֹיף פֶּסַח. פְרֶעגְט מָרְדְכַי׳לֶע: גֶעוֶוענְטְלִיךְ לֵייגְט דִי רְמָ״א צוּ אוֹיף וָואס דֶער מְחַבֵּר הָאט גֶעזָאגְט פְּרִיעֶר, אָבֶער דָא הָאט נִישְׁט קֵיין שַׁיְיכוּת דִי מִנְהָג וָואס דֶער רְמָ״א זָאגְט צוּ הֶעלְפְן אָרֶעמֶעלַייט אוֹיף פֶּסַח, מִיט דֶעם וָואס דֶער מְחַבֵּר זָאגְט מֶען זָאל לֶערְנֶען הִלְכוֹת פֶּסַח?! נָאר מָרְדְכַי׳לֶע זָאגְט, אַז דִי רְמָ״א קוּמְט אוּנְז לֶערְנֶען אַז "דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ פַאר מֶען לֶערְנְט הִלְכוֹת פֶּסַח אִיז צוּ אִינְזִינֶען הָאבְּן אַז אַלֶע אָרִימֶעלַייט זָאלְן הָאבְּן גֶענוּג עֶסְן אוֹיף פֶּסַח", וַוייל וָואס הָאסְטוּ פוּן דַיין גַאנְצֶע שַׁבָּת הַגָּדוֹל דְרָשָׁה אוֹיבּ דִי אָרִימֶעלַייט הָאבְּן נִישְׁט צוּם עֶסְן.

## אַ וָוארְט פוּן אַ צַדִיק

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הֶערְשֶׁל׳עֶר לִיסְקֶער הֶערְנְדִיג דָאס הָאט צוּ זִיךְ גֶעטְרַאכְט: פַארְוָואס הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מָרְדְכַי מִיר דָאס גֶעשִׁיקְט זָאגְן? עֶפֶּעס

ווייל עֶר דָאךְ מִיר מְרַמֵז זַיין, אָבֶער עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיפְקוּמֶען וָואס עֶר ווייל.

## מַצוֹת פַאר דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט

דָארְטְן אִין דִי שְׁטָאט לִיסְקֶע אִיז גֶעוֶוען אַיינְגֶעפִירְט אַז יֶעדֶער הָאט זִיךְ אַלֵיין אַיינְגֶעקוֹיפְט דִי מֶעהל לוֹיט דִי גֶעבְרוֹיךְ פוּן זַיין מִשְׁפָּחָה, אוּן דָאס הָאט עֶר גֶעבְרֶענְגְט צוּם מַצָה בֶּעקֶעַריי, אוּן קָהָל הָאט דָאס גֶעקֶנֶעטְן אוּן גֶעבַּאקְן, אוּן ווִי נָאר מֶען הָאט גֶעעֶנְדִיגְט אָפְּבַּאקְן דִי מַצוֹת פַארְן גַאנְצְן שְׁטָאט הָאט מֶען פַארְמַאכְט דִי בֶּעקֶעַריי.

## יֶעצְט פַארְשְׁטֵייט עֶר שׁוֹין...

וַיְהִי הַיוֹם, אִיז דָארְט גֶעוֶוען אַן אַלְמָנָה מִיט אַסַאךְ קִינְדֶער וָואס זִי הָאט גֶעבֶּעךְ נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין גֶעלְט צוּ קֶענֶען אַיינְקוֹיפְן מֶעהל פַאר פֶּסַח, אָבֶער מַמֶש דִי

לעצטע מינוט האָט איר דער אייבערשטער געהאָלפן בדרך נס און זי האָט זיך פאַרשאַפט אַביסל מעהל, גלייך איז זי געלאָפן צו די בעקערי מען זאָל עס איר באַקן, אָבער צו איר מזל האָט מען שוין פונקט געהאַט פאַרמאַכט די בעקעריי, און דער ראש הקהל שרייט איר אָן מיט עזות און חוצפּה: אַנטשולדיגט, דאָס באַקן איז שוין געענדיגט! מען קען אייך נישט העלפן, עס איז שוין פאַרמאַכט...! צובראָכענערהייט איז זי געקומען וויינען פאַרן רב דער הייליגער רבי הערשעל'ער ליסקער מען זאָל איר נאָך אָפּבאַקן די מצות, קודם האָט ער געטראַכט, עס איז דאָך נישט מער ווי גערעכט: יעצט ערב פּסח ווען מען האָט שוין אַלעס געפערטיגט און עס איז שוין פאַרמאַכט די בעקערי האָט זי זיך דערמאַנט צו קומען? ווילאַנג נאָך דאַרף מען האַלטן אָפן די בעקעריי?! נאָכדעם האָט ער אַריינגעטראַכט, און עס האָט אים אָנגעפאַנגען צו קלינגען די ווערטער

וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מָרְדְכַי׳לֶע הָאט אִים גֶעשִׁיקְט זָאגְן, ״אַנְשְׁטָאט דִי שַׁבָּת הַגָּדוֹל דְרָשָׁה דַארְפְט אִיר עֶנְדֶערְשׁ אִינְזִינֶען הָאבְּן אַז יֶעדֶער זָאל הָאבְּן מַצוֹת אוֹיף פֶּסַח״, אֶפְשֶׁר הָאט עֶר טַאקֶע דָאס גֶעמֵיינְט... ! עֶר הָאט גְלַייךְ אָנְגֶעדְרֵייט דֶעם רֹאשׁ הַקָהָל מִיט דִי גַאנְצֶע קְהִילָה אַז מֶען זָאל צוּרִיק עֶפֶענֶען דִי בֶּעקֶערַיי אוּן אָנְהֵייצְן דֶעם אוֹיוְון, אוּן מֶען הָאט אַיינְגֶעקְנֶעטְן פְרִישֶׁע טֵייג, אַזוֹי אַז דִי אַלְמָנָה זָאל הָאבְּן פֵיינֶע מַצוֹת אוֹיף יוֹם טוֹב.

## דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה

זֶעהט מֶען פוּן דֶעם אַז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז צוּ טוּהן חֶסֶד מִיט אִידְן, אוּן אִיךְ זָאג שְׁטֶענְדִיג אַז דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה אִיז צוּ גֶעבְּן צוּ עֶסְן פַאר אִידְן, וַוייל בַּיי יֶעדֶע צְדָקָה קֶען מֶען אוֹיסְפָּאפְּן, אַ פָּשׁוּט׳עֶר שְׁווִינְדְלֶער קוּמְט אוּן דֶערְצֵיילְט אַ

שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מַעֲשֶׂה אַז זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער הָאבְּן יֶענֶע מַעֲשֶׂה רַחְמָנָא לִצְלָן... אוּן אִידְן וֶועְרן אוֹיפְגֶעשׁוֹידֶערְט אוּן גֶעבְּן גְלַייךְ שֵׁיינֶע סְכוּמִים! בְּשַׁעַת דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה הֵייבְּט זִיךְ נִישְׁט אָן, עֶר הָאט נָאר גֶעטְרָאפְן אַ גוּטֶע וֶועג ווִי אַזוֹי אוֹיפְצוּהֵייטֶערְן דִי גֶעפִילְן פוּן מֶענְטְשְׁן אוּן קֶענֶען אַרוֹיסְנַארְן וָואס מֶער גֶעלְט, וָואס בְּאֱמֶת טָאר אַ אִיד בִּכְלַל נִישְׁט אַזוֹי רֶעדְן, דִי מִשְׁנָה זָאגְט (פֵּאָה פֶּרֶק ח, מִשְׁנָה ט): אַז אֵיינֶער מַאכְט זִיךְ הוּנְקֶעדִיג אָדֶער בְּלִינְד וֶועט עֶר נִישְׁט שְׁטַארְבְּן בִּיז עֶר וֶועט נֶעבֶּעךְ וֶוערְן הוּנְקֶעדִיג אָדֶער בְּלִינְד. מֶענְטְשְׁן הָאבְּן נִישְׁט קֵיין שֵׂכֶל אוּן פַארְקוֹיפְן רַחְמָנָא לִצְלָן דִי וַוייבּ מִיט דִי קִינְדֶער אַבִּי זֵיי זָאלְן מַאכְן גֶעלְט; אָבֶּער אַז מֶען גֶעט צוּ עֶסְן פַאר אִידְן דַארְף מֶען נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן שְׁווִינְדְלֶערְס, אַזוֹי ווִי חַזַ"ל זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא דַף ט ע"א): אֵין בּוֹדְקִין לִמְזוֹנוֹת - בַּיי עֶסְן דַארְף מֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט נָאכְקוּקְן פַאר וֶועם מֶען גֶעט; וַוייל אַז

יֶענֶער אִיז הוּנְגֶערִיג וֶועט עֶר קֶענֶען עֶסְן, אוּן דוּ הָאסְט מְחַיֶה גֶעוֶוען אַ אִיד, אוּן אַז עֶר דַארְף נָאךְ, זָאל עֶר גֶעזוּנְטֶערְהֵייט עֶסְן נָאךְ, בִּיז עֶר וֶועט וֶוערְן זַאט, אָבֶער אֵיינְמָאל אַז עֶר אִיז נִישְׁט הוּנְגֶערִיג קֶענֶען עֶר נִישְׁט עֶסְן מֶער... [1], דֶערְפַאר אִיז דִי הֶעכְסְטֶע צְדָקָה אוּן דִי גְרֶעסְטֶע חֶסֶד צוּ גֶעבְּן עֶסְן פַאר אָרִימֶעלַייט.

---

[1] בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אִינֶעם בְּרֶסְלֶבְ'ן שְׁטָאט יַבְנְאֵל אַ בֵּית הַתַּבְשִׁיל "אֹהֶל אַבְרָהָם", וואוּ יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען קוּמֶען עֶסְן, עֶס וֶוערְט סֶערְוִוירְט אַ גַאנְצְן טָאג הוּנְדֶערְטֶער פָּארְצְיֶעס, פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אָן קֵיין אוּנְטֶערְשֵׁייד אָרֶעם צוּ רַייךְ, גֶענְצְלִיךְ אוּמְזִיסְט, מֶען דַארְף נָאר מַאכְן אַ בְּרָכָה אוּן בֶּענְטְשְׁן אַזוֹי וִוי עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיי אַבְרָהָם אָבִינוּ, אוּן אִיךְ הַאלְט אַז אִין דֶעם זְכוּת הָאט מִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעשָׁאנְקֶען דָאס לֶעבְּן.

## ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ ! ?

מִיט דֶעם קֶען מֶען טַייטְשְׁן (בְּרֵאשִׁית כה, יט): וְאֵלֶּה תּוֹלְדוֹת יִצְחָק בֶּן אַבְרָהָם, אַבְרָהָם הוֹלִיד אֶת יִצְחָק. 'יִצְחָק' אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן שִׂמְחָה (עַיֵּין בְּרֵאשִׁית כא, ו), אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ, נִישְׁט קֵיין חִילוּק וָואס עֶס זָאל נָאר נִישְׁט דוּרְכְגֵיין אוֹיף אִים קֶען עֶר זִיךְ שְׁטֶענְדִיג דֶערְהַאלְטְן, אָבֶער ווִי אַזוֹי קֶען מֶען שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ ? ! "בֶּן אַבְרָהָם" - אַז מֶען גֵייט זִיךְ אוּם נָאר מִיט לִיבְּשַׁאפְט צוּ יֶעדֶע מֶענְטְשׁ, אוּן מֶען טוּט נָאר חֶסֶד פַאר מֶענְטְשְׁן אַזוֹי ווִי אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעטוּהן, דֶעמָאלְטְס וֶוערְט מֶען שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן מֶען פַארְלִירְט זִיךְ נִישְׁט אֲפִילוּ אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע מַצָּבִים; אוּן עֶס גֵייט נָאךְ וַוייטֶער "אַבְרָהָם הוֹלִיד אֶת יִצְחָק" - דֶער וָואס גֵייט נָאר מִיט לִיבְּשַׁאפְט אוּן מִיט חֶסֶד, בְּרֶענְגְט עֶר אַרַיין אַ פְרֵיילִיכְקַייט אוֹיף דֶער גַאנְצֶער

וֶועלְט, און עֶר שְׁטוּפְּט אַוֶועק דֶעם מִדַת הַדִין וָואס דָאס אִיז עַצְבוּת און טְרוֹיעֶרִיגְקַייט פון אַלֶע אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, און עֶר וַוייזְט פַּאר יֶעדְן וִוי אַזוֹי דֶער בַּאשֶׁעפֶער וֶועט אִים נָאךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען פון זַיין בִּיטֶערֶע צָרָה.

## עֶר וֶועט הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה!

וִוי בַּאקַאנְט דֶערְצֵיילְט מֶען אוֹיף אַסַאךְ צַדִיקִים, אַז מֶען אִיז גֶעקוּמֶען צוּ זֵיי מִיט אַ בֶּהָלָה מַזְכִּיר זַיין אַ חוֹלֶה מְסוּכָּן וָואס דֶער דָאקְטֶער הָאט שׁוֹין אָפְּגֶעזָאגְט זַיין לֶעבְּן, און מֶען קֶען שׁוֹין גָארְנִישְׁט טוּהן, הָאט דֶער צַדִיק גֶעזָאגְט: דֶער דָאקְטֶער זָאגְט טַאקֶע אַז עֶס אִיז שׁוֹין דֶערְנָאךְ, אָבֶּער וֶוער אִיז עֶר אִינְגַאנְצְן?! אִיךְ זָאג אַז עֶס אִיז דָא אַ בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַ כָּל יָכוֹל, וָואס עֶר קֶען אַלֶעס, און דֶער קְרַאנְקֶער וֶועט הָאבְּן אַ רְפוּאָה

שְׁלֵימָה... ! וְכַךְ הֲוָה, דֶער חוֹלֶה הָאט גֶעהַאט אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה.

## ב.

## שְׁטוּפּ נִישְׁט אַרוֹיף דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז גֶעוֶוען דֶער עֶרְשְׁטֶער אִיד וָואס הָאט אַנֶערְקֶענְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִים אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, וַוייל בִּיז אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהֵייסְן נָאר "אֱלֹקֵי הַשָּׁמַיִם" - דֶער בַּאשֶׁעפֶער פוּן הִימְל, יֶעדֶער הָאט גֶעוואוּסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גָאר גָאר הוֹיֶעךְ אִין הִימְל, אִיז גֶעקוּמֶען אַבְרָהָם אָבִינוּ אוּן אוֹיסְגֶעלֶערְנְט יֶעדְן אֵיינֶעם: "דַארְפְסְט נִישְׁט אַרוֹיף שְׁטוּפְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶרְגֶעץ וואוּ אוֹיבְן, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא אוּנְטְן"! דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי גַאנְצֶע עֲבוֹדָה פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ אַז אַלֶע זָאלְן רֶעדְן

פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא
(בְּרֵאשִׁית רַבָּה פַּרְשָׁה נט, ח; סִפְרֵי עַל דְּבָרִים לב, י).

## דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז מִיט דִיר דָא אוּנְטְן

מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אַ מוֹרָא׳דִיגְן טָעוּת זֵיי מֵיינֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאהַאלְט זִיךְ עֶרְגֶעץ וַוייט ווייט אִין הִימְל, און פוּן דֶעם קוּמְט אַרוֹיס אַז מֶען לָאזְט נָאךְ פוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען טְרַאכְט אַז סַייוְוי וֶועט מֵיין תְּפִלָּה חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס הָאבּ אִיךְ צוּ מִתְפַּלֵל זַיין, אָדֶער אִיז דָא אַזֶעלֶעכֶע וָואס שְׁרַייעֶן זֵייעֶר שְׁטַארְק בַּיים דַאוְוענֶען כְּדֵי זֵייעֶר קוֹל זָאל אַרוֹיפְגֵיין הוֹיעֶךְ הוֹיעֶךְ בִּיזְן הִימְל, אַזוֹי וִוי חַזַ״ל זָאגְן (פְּסָחִים דַף צד ע״ב): פוּן דִי עֶרְד בִּיז צוּם הִימְל אִיז דָא אַ וֶועג פוּן פוּנֶעף הוּנְדֶערְט יָאר; שְׁטֶעלְט אַייךְ פָאר וִויפִיל מַייל דָאס אִיז, דֶערִיבֶּער שְׁרַייט עֶר הוֹיעֶךְ אַז זַיין קוֹל זָאל אַרוֹיף גֵיין... ! אָבֶּער חַזַ״ל זָאגְן (בְּרָכוֹת

כד ע״ב): אַז אֵיינֶער דַאוֶוענְט הוֹיֶעךְ דִי שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה הָאט עֶר וֵויינִיג אֱמוּנָה. וַוייל דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא אוּנְטְן פּוּנְקְט וִוי אוֹיבְן, אוּן דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה וָואס מִיר זֶעהֶען אַלֶעס אִיז אֵיין שְׁטִיק אֱלֹקוּת, אוֹיבּ אַזוֹי פַארְוָואס שְׁטוּפְּסְטוּ אַרוֹיף דֶעם בַּאשֶׁעפֶער?! אָבֶער צוּ דֶעם דַארְף מֶען הָאבְּן אַ לוֹיטֶערְן מוֹחַ אוּן אַ לוֹיטֶערְן מַחְשָׁבָה [אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן כא): וִוילַאנְג מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט קֵיין רֵיינֶעם מוֹחַ, דַארְף מֶען אַסַאךְ שְׁרַייעֶן בַּיים דַאוֶוענֶען], אָבֶער וִוי אַזוֹי בַּאקוּמְט מֶען אַ לוֹיטֶערְן מוֹחַ? זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (שָׁם): מֶען דַארְף הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן נָאר צוּ זֶעהן אֱלֹקוּת, רֵיינֶע אוֹיעֶרְן נָאר צוּ הֶערְן אֱלֹקוּת, אַ רֵיינֶע נָאז מֶען זָאל נָאר שְׁפִּירְן אוּן אָטֶעמֶען אֱלֹקוּת, אוּן דֶער מוֹיל זָאל נָאר רֶעדְן אֱלֹקוּת, אוּן אַז מֶען גֶעט גוּט אַכְטוּנְג אוֹיף דִי אַלֶע זִיבְּן לֶעכְטְלֶעךְ וָואס מֶען טְרָאגְט אוֹיפְן פָּנִים – דִי מוֹיל, דִי צְוֵויי נָאז לֶעכֶער, דִי צְוֵויי

אוֹיעֶרְן, מִיט דִי צְוֵויי אוֹיגְן, אוּן מֶען רֵיינִיגְט עֶס גוּט אוֹיס אַז עֶס זָאל זַיין הֵיילִיג, דֶעמָאלְטְס שַׁיינְט אוּן לַייכְט דִי מֹחַ זֵייעֶר קְלָאר, אוּן מֶען וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּערָאל "מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ", עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין שׁוּם חִילוּק אוֹיבְן צוּ אוּנְטְן.

## אוֹיפְגֶעהֶערְט מִיט דוּרְכְפֶעלֶער אוּן בּוּשׁוֹת

אוּן וִוי נָאר אַ מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז שׁוֹין זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן אַן אַנְדֶער סָארְט לֶעבְּן, וַוייל אַלֶע צָרוֹת אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ אִיז נָאר וִוילַאנְג מֶען הָאט נִישְׁט קֵיין אֱמוּנָה אוּן בִּטָחוֹן, אַזוֹי וִוי דֶער בַּעַל שֵׁם הַקָדוֹשׁ הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט: וִוי אַזוֹי שְׁטְרָאפְט מֶען אַ מֶענְטְשׁ? אַז מֶען נֶעמְט פוּן אִים צוּ דִי אֱמוּנָה מִיט דִי בִּטָחוֹן אוּן דֶעמָאלְטְס אִיז עֶר שׁוֹין סַיי וִוי אַ גֶעשְׁטְרָאפְטֶער! מֶען זָאגְט נָאךְ פוּן צַדִיקִים אַ רֶמֶז (עַיֵין בְּסֵפֶר בְּרִית אַבְרָם לְהַמַגִיד מִזְלָאזִשִׁיץ פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית), אַז דִי

תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיט דִי אוֹתִיוֹת ב׳ ב׳ א׳ א׳ - בְּ׳רֵאשִׁית בָּ׳רָא אֱ׳לֹקִים אֵ׳ת, וָואס דָאס אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים כה, ב): בְּ׳ךָ בָ׳טַחְתִּי אַ׳ל אֵ׳בוֹשָׁה - אִין דִיר בַּאשֶׁעפֶער הָאבּ אִיךְ מִיךְ פַארְזִיכֶערְט אוּן אִיךְ שֶׁעם זִיךְ נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם; דִי תּוֹרָה לֶערְנְט מִיט דֶעם אוֹיס אַ מֶענְטְשׁ אַז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ זָאל עֶר וִויסְן אַז עֶר הָאט נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס דֶעמָאלְטְס הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט צוּ שֶׁעמֶען פוּן קֵיינֶעם אוּן פוּן קֵיין שׁוּם זַאךְ נִישְׁט, אוּן עֶר וֶוערְט נִישְׁט צוּפַאלְן אוּן צוּבְּרָאכְן פוּן קֵיין שׁוּם דוּרְכְפַאל; וַוייל אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אִיז זַיין לֶעבְּן אִינְגַאנְצְן אַן אַנְדֶערֶער סָארְט לֶעבְּן (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָנִים לב; נג; קב), עֶר לֶעבְּט אַ רוּחְנִיוּת׳דִיגֶער לֶעבְּן, אַ לֶעבְּן וָואס מֶען שֶׁעמְט זִיךְ נִישְׁט פוּן קֵיין מֶענְטְשְׁן, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי אַרְבֶּעט פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ אַרֵיינְצוּבְּרֶענְגֶען אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה.

## ג.

## דִי שְׁוֶועְרְסְטֶע אַרְבֶּעט

אָבֶּער דִי אַרְבֶּעט אִיז אִים בִּכְלַל נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען אַזוֹי גְרִינְג, וַוייל נִמְרוֹד הָאט אוֹיפְגֶעהֶעצְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אַקֶעגְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעדַארְפְט אַרוּמְגֵיין אוּן אוֹיפְקְלֶערְן דֶעם בִּיטֶערְן טָעוּת אִין וָואס מֶען לֶעבְּט, אוּן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דִי אֱמֶת'עֶ אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי יֶעדְן בַּאזוּנְדֶער אִין זַיין טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן, וָואס דָאס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע שְׁוֶועֶרע אַרְבֶּעט, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת בִּרְכַּת הַשַּׁחַר הֲלָכָה ה, אוֹת מו; חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן קצז): דִי שְׁוֶועְרְסְטֶע אַרְבֶּעט אִיז צוּ טוֹישְׁן אַ מֶענְטְשׁ! וַוייל וֶוען דוּ רֶעדְסְט מִיט אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אַ בַּעַל בְּחִירָה, אוּן דוּ פְּלָאגְסְט דִיךְ אוֹיף אַלֶע מִינֵי וֶועגְן אַרַיינְצוּלֵייגְן אִין אִים דִי אֱמוּנָה,

בִּיז עֶר פַארְשְׁטֵייט שׁוֹין עֶנְדְלִיךְ וָואס דוּ ווילְסְט, אוּן עֶר זֶעהט שׁוֹין אוֹיךְ אַז עֶס אִיז טַאקֶע נָאר דָא אֵיין בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן נָאר צוּ אִים דַארְף מֶען זִיךְ וֶוענְדְן, אָבֶּער פְּלוּצְלִינְג טְרֶעפְט אִים אָן אַ לֵץ אוּן מַאכְט לֵיצָנוּת פוּן דִי אַלֶע הִתְחַזְקוּת, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ מִיט זַיין קְלֵיינֶעם שְׁוַואכְן מֹחַ וֶוערְט שׁוֹין אִינְגַאנְצְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט, אוּן עֶס אִיז פֶערְטִיג מִיט אַלֶע וֶוערְטֶער וָואס דוּ הָאסְט אִין אִים אַרַיינְגֶעבַּאקְן וָואכְן חֲדָשִׁים אוּן יָארְן!...

## מִיט לֵיצָנוּת קֶען מֶען אַלֶעס פַארְשְׁטֶעלְן

לַיידֶער אִיז דִי כֹּחַ פוּן לֵיצָנוּת אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס קֶען אַלֶעס פָארְשְׁטֶעלְן, אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפוּנֶען (שְׁמוֹת יג, יז): אַז וֶוען דִי אִידְן זֶענֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם הָאט זֵיי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נִישְׁט גֶעפִירְט דוּרְךְ דִי לַאנְד פְּלִישְׁתִּים, כָאטְשִׁיג עֶס אִיז אַסַאךְ אַ נֶענְטֶערֶע וֶועג, וַוייל זֵיי זֶענֶען

גֶעוֶוען לֵיצִים אוּן מִיט זֵייעֶרֶע לֵיצָנוּת וָואלְטְן זֵיי אִינְגַאנְצְן אָפְּגֶעקִילְט דִי אִידְן (עַיֵין עֲבוֹדָה זָרָה יט ע״א), זֶעהט מֶען פוּן דֶעם אַז אֲפִילוּ נָאכְדֶעם וָואס משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט בַּאוִויזְן אַזוֹיפִיל מוֹרָא׳דִיגֶע נִיסִים, דִי צֶען מַכּוֹת פַאר פַּרְעֹה אוּן דִי מִצְרִיִּים, גֶעשְׁפָּאלְטְן דֶעם יַם פַאר זֵיי, גֶעגֶעבְּן צוּ עֶסְן דִי מָן, צוּ טְרִינְקֶען פוּנֶעם בְּאֵר, אוּן אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט דִי וָואלְקֶענֶעס, וָואס אִיז אַלֶעס גֶעוֶוען אוֹיךְ אִין זְכוּת פוּן משֶׁה (תַּעֲנִית ט ע״א), פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאבְּן דִי פְּלִשְׁתִּים גֶעקֶענְט חוֹזֶק מַאכְן פוּן דֶעם, אוּן מֶען וָואלְט אָפְּגֶעלָאזְט משֶׁה רַבֵּינוּ.

## גָארְנִישְׁט גֶערֶעדְט - נָאר אַ מַאךְ מִיט דִי הֶענְט...

זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן קלג): מֶען קֶען וַוייזְן פַאר אַ מֶענְטְשׁ אַזוֹי אָפֶען אֱלֹקוּת בִּיז עֶר שְׁפִּירְט טַאקֶע אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיין, ״אֵין עוֹד מִלְּבַדּוֹ״, אוּן פְּלוּצְלִינְג

קוּמְט אַ קְלֵיין הֶענְטֶעלֶע אוּן פַּארְשְׁטֶעלְט דִי מוֹרָא׳דִיגֶע לֶעכְטִיקֵייט, אוּן עֶר זֶעהט שׁוֹין גָארְנִישְׁט. וָואס אִיז דִי קְלֵיינֶע הֶענְטֶעלֶע? אַז וֶוען עֶר גֵייט אַרוֹיס אִינְדְרוֹיסְן נָאכְדֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַזֶעלֶעכֶע אָפֶּענֶע דִיבּוּרִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פְּרֶעגְט אִים אֵיינֶער: וואוּ בִּיסְטוּ גֶעוֶוען? דָארְט אוּן דָארְט! אַזוֹי, דָארְט בִּיסְטוּ גֶעוֶוען?! אוּן עֶר גֶעט אַ מַאךְ אַוֶועק מִיט דִי הַאנְט... עֶר הָאט אֲפִילוּ גָארְנִישְׁט גֶעדַארְפְט רֶעדְן, אוּן דֶער יוּנְגֶערְמַאן אָדֶער בָּחוּר הָאט שׁוֹין חֲלִישׁוּת הַדַעַת אוּן אַלֶעס אִיז צוּרִיק פַארְלָאשְׁן בַּיי אִים, דִי אַלֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע וֶוערְטֶער אִיז שׁוֹין בַּיי אִים גָארְנִישְׁט וֶוערְד, מִיט דַיין קְלֵיינֶע הֶענְטֶעלֶע הָאסְטוּ יֶענֶעם אוּמְגְלִיקְלִיךְ גֶעמַאכְט, וַוייל יֶעצְט אִיז עֶר צוּרִיק גֶעפַאלְן דָארְט וִוי עֶר אִיז גֶעוֶוען פַאר דֶעם, אוּן נָאךְ טִיפֶער... אוּן אוֹיבּ אִיז נִישְׁט גֶענוּג הֵייבְּט עֶר אַלֵיין אוֹיךְ נָאךְ אַן צוּ קְרִיגְן אוֹיף דֶעם צַדִיק רַחְמָנָא לִצְלָן!

## פוּן וואוּ קוּמְט דֶער גֶערוּךְ ! ?

בְּאֱמֶת קֶען מֶען מִיטְן מֶענְטְשְׁלִיכְן שֵׂכֶל בְּשׁוּם אוֹפֶן נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וִוי אַזוֹי דָאס קֶען זַיין, און פַארְוָואס עֶס זָאל אַזוֹי זַיין, און דָאס אִיז מַמָשׁ אַ חָק וִוי דִי פָּרָה אֲדוּמָה, וָואס הָאט גֶערֵיינִיגְט אַלֶע טָמֵא׳נֶע מֶענְטְשְׁן און צוּ דִי זֶעלְבֶּע צַייט טָמֵא גֶעמַאכְט אַלֶע טָהוֹר׳עֶ מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן זִיךְ גֶעפָּארֶעט דֶערְמִיט (בַּמִדְבָּר יט, ז-י). דִי זֶעלְבֶּע אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ זֶעהט מֶען לַיידֶער שְׁטֶענְדִיג בַּיי אַ צַדִיק וָואס פָּארֶעט זִיךְ צוּ הֶעלְפְן און רֵיינִיגְן אִידִישֶׁע נְשָׁמוֹת, דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען דוּרְךְ און דוּרְךְ טָמֵא רַחְמָנָא לִצְלָן און גֶעזִינְקֶען אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית מִיט אַלֶע מִינֵי פְּגָמֵי הַבְּרִית, בִּיז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אֵיינֶער וָואס הָאט גֶעהֶערְט דַיין בִּיטֶערֶע גֶעשְׁרֵיי, און עֶר הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף דִיר און זִיךְ אַרָאפְּגֶעלָאזְט אִין דַיין שְׁמוּץ, בִּיז עֶר הָאט דִיךְ אַרוֹיסְגֶענוּמֶען,

אָפְּגֶעוַואשְׁן, אָנְגֶעטוּהן מִיט שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער, וַוייל עֶר הָאט דִיר אַרַייְנְגֶעגֶעבְּן שֵׂכֶל אוּן אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן אֲפִילוּ אִין דִי עֶרְגְסְטֶע מַצָּבִים, אוּן עֶר הָאט דִיךְ גֶעוִויזְן אַז עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט עֶק וֶועלְט, מֶען קֶען נָאךְ אַרוֹיסְגֵיין פוּן דֶעם פְּלָאנְטֶער, בִּיז עֶס אִיז דִיר אַרַיין אִין קָאפּ, אָבֶער וִוי עֶס פַארְשְׁטֵייט זִיךְ דֶער וָואס אִיז אַרַיין אִין דַיין שְׁמוּץ [סוּעֶר] הָאט בַּאקוּמֶען אַ מוֹרָא׳דִיגְן שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ, אוּן אַנְשְׁטָאט דוּ זָאלְסְט פַארְשְׁטֵיין אַז דִי גַאנְצֶע גֶערוּךְ הָאט עֶר נָאר פוּן דִיר אוּן דַיינְס גְלַייכְן, דְרֵייט עֶר גָאר אִיבֶּער אוּן נֶעמְט זִיךְ פַארְפִירְן אַז דֶער עֶרְלִיכֶער אִיד הָאט רַחְמָנָא לִצְלָן אַ שְׁלֶעכְטֶע רֵיחַ, בְּשַׁעַת דִי גַאנְצֶע שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ אִיז דָאךְ פוּן דִיר אַלֵיין...! קוּמְט אוֹיס אַז דָאס אִיז אַ ״חָק״ וָואס מֶען קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין.

## וֶוער לַאכְט פוּן וֶועם ? !

אַוַודַאי אַז אֵיינֶער דֶערְשְׁרֶעקְט זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל, אוּן עֶר אִיז אַן עַקְשָׁן, הֵייבְּט עֶר אַן אֵיינְצוּזֶעהן דֶעם אֱמֶת וָואס עֶר בַּאקוּמְט בַּיי דֶעם עֶרְלִיכְן אִיד: קֵיין חוּמָשׁ הָאבּ אִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעמַאכְט, אוּן יֶעצְט מַאךְ אִיךְ אוֹיף דֶעם חוּמָשׁ יֶעדְן טָאג אוּן אַזוֹי בִּין אִיךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם מַעֲבִיר סֶדְרֶה יֶעדֶע וָואךְ דִי פַּרְשָׁה, שִׂמְחַת תּוֹרָה הָאבּ אִיךְ מִיךְ טַאקֶע אֱמֶת׳דִיג וָואס צוּ פְרֵייעֶן מִיט דִי תּוֹרָה וַוייל אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם מְסַיֵּם גֶעוֶועזְן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט פַארְפֶעלְט אַ וָואךְ פוּן מַעֲבִיר סֶדְרֶה זַיין; אַ מִשְׁנָיוֹת הָאבּ אִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעמַאכְט, אוּן יֶעצְט בָּרוּךְ הַשֵּׁם הָאבּ אִיךְ מְסַיֵּם גֶעוֶועזְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנֶה אֵיין מָאל אוּן צְוֵויי מָאל וְכוּ׳; גְמָרָא אִיז דָאךְ אָפְּגֶערֶעדְט אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעלֶערְנְט עֶס אִיז דָאךְ שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין, אוּן

יֶעצְט אַ דַאנְק דֶעם צַדִיק הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט אַ דַף נָאךְ אַ דַף מִיט אַזַא חֵשֶׁק בִּיז אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵׁם גֶעעֶנְדִיגְט שַׁ״ס; יֶעצְט קֶען יֶעדֶער קוּמֶען אוּן מַאכְן לֵיצָנוּת פוּן דֶעם, אָבֶער עֶר לַאכְט זִיךְ גוּט אוֹיס פוּן זֵיי, עֶר זֶעהט דָאךְ קְלָאר וָואס עֶר הָאט דָא גֶעוִוינֶען, אַזוֹי וִוי דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (שְׁמוֹת רַבָּה פַּרְשָׁה נב, אוֹת ג): אוֹיפְן פָּסוּק (מִשְׁלֵי לא, כה): עוֹז וְהָדָר לְבוּשָׁהּ וַתִּשְׂחַק לְיוֹם אַחֲרוֹן; אֵימָתַי הַתּוֹרָה שׂוֹחֶקֶת? הֱוֵי: לְיוֹם אַחֲרוֹן! בַּיים לֶעצְטְן טָאג פוּן לֶעבְּן וֶועלְן מִיר זִיךְ אִיבֶּערְצַייגְן וֶוער עֶס לַאכְט פוּן וֶועם...! דֶער וָואס הָאט לֵיצָנוּת גֶעמַאכְט אוּן אָפְּגֶעלַאכְט פוּנֶעם אֱמֶת׳עֶן צַדִיק אוּן פוּן זַיין דֶרֶךְ הַלִימוּד, אָדֶער עֶר הָאט זִיךְ גֶעלָאזְט אִיבֶּערְרֶעדְן פוּן דִי לֵצִים, גֵייט עֶר נֶעבֶּעךְ אַוֶועק אִינְגַאנְצְן לֵיידִיג, אִין זַיין אָרוֹן טְרָאגְט מֶען נִישְׁט מֶער וִוי אַ נְבֵילָה... אוּן וֶוער עֶס הָאט יָא גֶעהַאט שֵׂכֶל צוּ פָּאלְגְן דֶעם צַדִיק, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַן עַקְשָׁן אוּן זִיךְ נִישְׁט גֶעלָאזְט נַארְן, טְרָאגְט

מֶען יֶעצְט אַ גַאנְצֶע סְפָרִים שַׁאפֶע וָואס לִיגְט דֶערִין תַּנַ״ךְ, שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, בַּבְלִי יְרוּשַׁלְמִי תּוֹסֶפְתָּא, וְכוּ׳ וְכוּ׳, נִישְׁט אוּמְזִיסְט הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת רִבִּית הַלָכָה ה, אוֹת א), אַז דֶער גְרֶעסְטֶער חִידוּשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז דִי בְּחִירָה.

## ד.

## לֵיצָנוּת נִישְׁט קֵיין נַייעֶ זַאךְ

דָאס זֶעהט מֶען שׁוֹין בַּיי אַבְרָהָם אָבִינוּ אַז דִי לֵצִים פוּן יֶענֶעם דוֹר הָאבְּן גֶעפֶּערְלִיךְ לֵיצָנוּת גֶעמַאכְט אוּן גֶעזָאגְט אַז שָׂרָה אִיז אוֹיפְגֶערָאכְטְן גֶעוָוארְן פוּן אֲבִימֶלֶךְ, נָאכְדֶעם וָואס אַזוֹיפִיל יָאר אִיז זִי גֶעוֶוען אַן עֲקָרָה אוּן נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין קִינְדֶער אוּן פּוּנְקְט יֶעצְט וֶוען אֲבִימֶלֶךְ הָאט אִיר אַוֶועק גֶענוּמֶען אִיז זִי גֶעהָאלְפְּן גֶעוָוארְן, דֶערִיבֶּער הָאבְּן זֵיי לֵיצָנוּת גֶעמַאכְט אַז יִצְחָק אִיז נִישְׁט קֵיין קִינְד פוּן אַבְרָהָם, דֶערְפַּאר הָאט דֶער

אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיסְגֶעמָאלְן יִצְחָק׳ס פָּנִים עֶס זָאל אוֹיסְקוּקְן פּוּנְקְט וְוי אַבְרָהָם׳ס פָּנִים, אוּן יֶעדֶער הָאט גֶעמוּזְט מוֹדֶה זַיין אַז אַבְרָהָם הָאט גֶעבּוֹירְן יִצְחָק (תַּנְחוּמָא תּוֹלְדוֹת א; וּבְרַשִׁ״י).

דִי בּוּשָׁה אַלֵיין אַז מֶען זָאל אַרוֹיסְלָאזְן אַזַא מִיאוּס׳עֶ זַאךְ אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ אִיז שׁוֹין גֶענוּג אוּן נָאךְ, אָבֶער אַזוֹי גֵייט עֶס, פוּן אֵייבִּיג אָן הָאט מֶען לֵיצָנוּת גֶעמַאכְט פוּן דִי גְרוֹיסֶע צַדִיקִים, אַזוֹי וְוי מִיר גֶעפוּנֶען בַּיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, וְועֶר אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אַזוֹי גְרוֹיס וְוי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וָואס הָאט אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט דִי תּוֹרָה אוֹיף דִי וֶועלְט, דָאךְ הָאט מֶען לֵיצָנוּת גֶעמַאכְט פוּן אִים, אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט מִיט גֶעשְׁפֶּעט אוֹיף זַיין מִשְׁפָּחָה נָאמֶען (שְׁמוֹת רַבָּה פַּרְשָׁה נב, ב): בֶּן עַמְרָם וֶועט דֶען קֶענֶען אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי מִשְׁכָּן? בֶּן עַמְרָם וֶועט דֶען קֶענֶען אַרָאפְּבְּרֶענְגֶען דִי שְׁכִינָה דָא אוּנְטְן?! אוּן בַּיי דִי

מַחְלוֹקֶת פוּן קֹרַח שְׁטֵייט בְּפֵּירוּשׁ (מֶדְרָשׁ שׁוֹחֵר טוֹב תְּהִלִּים א), אַז קֹרַח אִיז אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען אַגַאנְצֶע נַאכְט אוּן גֶעמַאכְט לֵיצָנוּת פוּן מֹשֶׁה; ווִידֶערְאוּם בַּיי דָוִד הַמֶּלֶךְ וָואס עֶר אִיז גֶעוֶועז דֶער יְסוֹד פוּן תְּפִלָּה שְׁטֵייט נָאךְ מֶער (יְרוּשַׁלְמִי שְׁקָלִים יא ע״ב), אַז אִין יֶעדֶע דוֹר אִיז דָא לֵיצִים אָבֶער דֶעמָאלְטְס זֶענֶען גֶעוֶוען גָאר פְּרֶעכֶע לֵיצִים, זֵיי זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אוּנְטֶער דִי פֶּענְסְטֶער פוּן דָוִד אוּן גֶעמַאכְט פוּן אִים לֵיצָנוּת: דָוִד! וֶוען וֶועסְטוּ אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי בֵּית הַמִקְדָשׁ?! וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעוואוּסְט אַז דָוִד הַמֶּלֶךְ וֶועט נִישְׁט אוֹיפְבּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ נָאר זַיין זוּהן שְׁלֹמֹה, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט אַז עֶר זָאל שׁוֹין שְׁטַארְבְּן, הָאבְּן זֵיי אִים גֶעפְּרֶעגְט מִיט חָכְמָה אוּן לֵיצָנוּת, וֶוען וֶועט מֶען שׁוֹין אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי בֵּית הַמִקְדָשׁ? זָאגְט אוֹיף דֶעם דֶער מֶדְרָשׁ (עַל תְּהִלִּים קכב), דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעזָאגְט: כָאטְשִׁיג אִיךְ וֵוייס גַאנְץ גוּט אַז מֶען וִויל מִיר סֶעקִירְן אוּן מֶען וִויל אַז אִיךְ זָאל שׁוֹין

שְׁטַארְבְּן, דָאךְ הָאבּ אִיךְ מִיךְ גֶעפְרֵיידְט אַז מֶען וִויל שׂוֹין דֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט (תְּהִלִים קכב, א): שָׂמַחְתִּי בְּאוֹמְרִים לִי בֵּית ה׳ נֵלֵךְ. שְׁטֶעלְט אַייךְ פָאר אַז מֶען זָאגְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ: דוּ לֶעבְּסְט שׂוֹין צוּפִיל, וֶוען גֵייסְטוּ שׂוֹין שְׁטַארְבְּן! אָבֶּער דָוִד הַמֶלֶךְ הָאט גֶעטְרָאפְן אַ לִימוּד זְכוּת אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן עֶר אִיז דֶעמָאלְטְס אוֹיךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַבִּי מֶען וִויל שׂוֹין בּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ.

ה.

## אַ נְשָׁמָה וָואס מוּז הָאבְּן מַחְלוֹקֶת

זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן רכח): פַארְוָואס דַארְף טַאקֶע זַיין מַחְלוֹקֶת אוֹיף דִי אֶמֶת׳עֶ עֶרְלִיכֶע אִידְן? נָאר וֶוען דֶער בַּאשֶׁעפֶער זֶעהט אַ נְשָׁמָה וָואס קֶען צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֶעהט עֶר אַלֵיין כַּבְיָכוֹל אַז עֶס זָאל זַיין

אוֹיף דִי נְשָׁמָה מַחְלוֹקֶת אוּן מֶען זָאל מַאכְן לֵיצָנוּת פוּן אִים, כְּדֵי עֶס זָאל בְּלַייבְּן אַ בְּחִירָה; וַוייל אוֹיבּ עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קֵיין מַחְלוֹקֶת אוֹיף דֶעם צַדִיק וָואס אִיז מְגַלֶה אַזוֹי אָפֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן קֵיין שׁוּם פַארְשְׁטֶעלֶענִישׁ, וָואלְט דָאךְ נִישְׁט גֶעוֶוען מֶער קֵיין בְּחִירָה, דֶערִיבֶּער מוּז מֶען הֶערְן לֵיצָנוּת.

## יָא דוּ בִּיסְט הֶעכֶער פוּן אַ מַלְאַךְ

אָבֶּער אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל קוּקְט עֶר נִישְׁט אוֹיף דִי לֵיצָנוּת, אוּן דֶעמָאלְטְס קֶען עֶר טַאקֶע צוּקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת אוּן נָאךְ וֶוערְן הֶעכֶער פוּן אַ מַלְאַךְ, וָואס אַ מַלְאַךְ שְׁטֵייט שְׁטֶענְדִיג נָאר אוֹיף אֵיין פְּלַאץ, וַוייל עֶס אִיז אַ נְשָׁמָה אָן אַ גוּף, מְמֵילָא זֶעהט עֶר שְׁטֶענְדִיג אֱלֹקוּת, אַ מֶענְטְשׁ הָאט אָבֶּער אַ גוּף וָואס פַארְדֶעקְט אִים דִי נְשָׁמָה וָואס אִיז אַ חֵלֶק אֱלֹקֵי מִמַּעַל (בְּרָכוֹת דַף י ע"א): אוּן דֶער גוּף דַארְף עֶסְן, שְׁלָאפְן, טוּהן

בִּיזְנֶעס, אוּן דָאךְ פַארְלִירְט עֶר זִיךְ נִישְׁט נָאר עֶר טְרֶעפְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי יֶעדֶע זַאךְ, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע חִידוּשׁ, דֶערִיבֶּער זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן כב): אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַזוֹי אוֹיסְלַייטֶערְן זַיין גוּף אַז אַז אֲפִילוּ פוּן זַיין גוּף זָאל עֶר אוֹיךְ זֶעהן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (אִיּוֹב יט, כו): מִבְּשָׂרִי אֶחֱזֶה אֱלוֹקַי - פוּן מֵיין קֶערְפֶּער זֶעה אִיךְ אַרוֹיס אֱלֹקוּת.

## עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין תַּאֲווֹת

זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן נא), אַז בְּאֱמֶת אִיז נִישְׁטָא קֵיין יֵצֶר הָרַע אוּן עֶס אִיז בִּכְלָל נִישְׁטָא קֵיין תַּאֲווֹת, וַוייל עֶסְן מוּז מֶען, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹי בַּאשַׁאפְן אַ מֶענְטְשׁ אַז וִוילַאנְג עֶר לֶעבְּט דַארְף עֶר עֶסְן, וַוייל אִין דִי עֶסְן לִיגְט מְגוּלְגָל נְשָׁמוֹת, אוּן אוֹיב עֶר וֵוייסְט אַז אִין דִי עֶסְן אִיז אוֹיךְ דָא

אֱלֹקוּת קֶען עֶר דָאס מְתַקֵן זַיין וֶוען עֶר עֶסְט (כַּיָדוּעַ מֵהָאֲרִיזַ"ל), דֶערְפַאר זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן סב): אַז וֶוען מֶען עֶסְט קֶען מֶען זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּקְלֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶס וֶוערְט דֶעמָאלְטְס אַ יִחוּד צְוִוישְׁן קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּיהּ. וַוייל אִין דִי עֶסְן אִיז דָא נְשָׁמוֹת וָואס זֶענֶען שַׁיָיךְ צוּם מֶענְטְשׁ (עַיֵין בַּעַל שֵׁם טוֹב פַּרְשַׁת יִתְרוֹ), אוּן וֶוען מֶען מַאכְט אַ בְּרָכָה אוּן מֶען עֶסְט עֶרְלִיךְ אַז מֶען זָאל הָאבְּן כֹּחַ צוּ דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער בַּאקוּמְט מֶען מוֹרָא'דִיגֶע כּוֹחוֹת פוּן דִי נְשָׁמוֹת; אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף אַ מֶענְטְשׁ שְׁלָאפְן עֶר זָאל בַּאקוּמֶען פְרִישֶׁע כּוֹחוֹת, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קי): וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז צוּמִישְׁט אוּן עֶר הָאט בִּלְבּוּלִים אִין דִי אֱמוּנָה אִיז דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ עֶר זָאל זִיךְ לֵייגְן שְׁלָאפְן. אוֹיךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן לה): וֶוען דֶער מֹחַ אִיז אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט אוּן מֶען דַארְף זִיךְ אַבִּיסְל

אוֹיסְלוּפְטֶערְן דַאן הֶעלְפְט אֱמוּנָה זֵייעֶר גוּט פַארְן מֶענְטְשׁ פּוּנְקְט וִוי מֶען שְׁלָאפְט. קוּמְט אוֹיס אַז שְׁלָאפְן מוּז מֶען, אוּן מֶען קֶען נִישְׁט זַיין אוֹיף שְׁטֶענְדִיג; ווִידֶער לֶעבְן מִיט אַ וַוייבּ אוּן הָאבְּן קִינְדֶער מוּז מֶען אוֹיךְ, וַוייל דָאס אִיז אַ מִצְוָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן, אוֹיבּ אַזוֹי אִיז נִישְׁטָא קֵיין שׁוּם תַּאֲווֹת, מֶען דַארְף נָאר שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, אוּן וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ אוֹיפְצוּפִירְן (עַיֵין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן נא; שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִים סִימָן רלא).

## לֶעבְּן אִין שְׁטוּבּ מִיט שָׁלוֹם אוּן לִיבְּשַׁאפְט

אוּן דָאס אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג אוֹיסְצוּלֶערְנֶען יוּנְגֶעלַייט, זֵיי זָאלְן וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹי בַּאשַׁאפְן אַ מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל חַתוּנָה הָאבְּן מִיט זַיין וַוייבּ אוּן הָאבְּן קִינְדֶער, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (בְּרֵאשִׁית ב, כד): עַל כֵּן יַעֲזָב אִישׁ אֶת אָבִיו וְאֶת אִמּוֹ וְדָבַק

בְּאִשְׁתּוֹ וְהָיוּ לְבָשָׂר אֶחָד; דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶענְס רָצוֹן אִיז אַז מֶען זָאל לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם מִיט דִי וַוייבּ, אוּן אַזוֹי אַרוּם נִיצוֹל וֶוערְן פוּן עֲבֵירוֹת אוּן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, לַיידֶער לַיידֶער לֶערְנְט מֶען הַיינְט פַאלְטְשֶׁע לִימוּדִים פוּן חוּמְרוֹת אוּן פְּרִישׁוּת, אַז מֶען זָאל זַיין וָואס מֶער אָפְּגֶעשֵׁיידְט פוּן דִי וַוייבּ, וָואס בְּאֱמֶת הָאט עֶס נִישְׁט קֵיין שׁוּם שׁוֹרֶשׁ אִין דִי קְדוּשָׁה, אוּן דֶער יוּנְגֶערְמַאן מֵיינְט נֶעבֶּעךְ אַז דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר אִיז נִישְׁט מִיט דִי וַוייבּ וֶוערְט עֶר הֵיילִיג אוּן עֶר פְּלִיעֶט אִין הִימְל, בִּיז דֶערְוַוייל אִיז פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, דוּרְכְדֶעם גֵייט עֶר רַחְמָנָא לִצְלָן אַרַיין מֶער אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו, וַוייל דָאס אִיז גוֹרֶם אַז עֶר זָאל דוּרְכְפַאלְן מִיט עֲבֵירוֹת אוּן זִינְדִיגְן...! בְּשַׁעַת אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אַז מֶען הָאט גֶעטְרָאפְן דֶעם זִיווּג, אִיז דֶער עִיקָר שְׁלֵימוּת אַז מֶען זָאל לֶעבְּן צוּזַאמֶען מִיט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע לִיבְּשַׁאפְט, אַוַודַאי וֶוען מֶען טָאר נִישְׁט אִיז

אָסור, אָבֶער וָוען עֶס אִיז מוּתָּר דַארְף מֶען וִויסְן אַז אַזוֹי הָאט דֶער בַּאשֶׁעפֶער בַּאשַׁאפְן דִי טֶבַע פוּן אַ מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי וַוייבּ מִיט אַ לִיבְּשַׁאפְט, אוּן נִישְׁט מַחְמִיר זַיין מִיט קֵיין פְּרִישׁוּת, אוּן דָאס אִיז אוֹיךְ דֶער וֶועג פוּן שׁוּלְחָן עָרוּךְ (עַיֵין אוֹרַח חַיִים, הִלְכוֹת קְרִיאַת שְׁמַע סִימָן עג, סְעִיף ב), וֶועגְן דֶעם הָאט מֶען חֲתוּנָה כְּדֵי מֶען זָאל נִיצוֹל וֶוערְן פוּן עֲבֵירוֹת, אָבֶער וִויבַּאלְד מֶען הָאט לַיידֶער סַיי אִים אוּן סַיי אִיר נִישְׁט גוּט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, קוּמְט נָאכְדֶעם אַרוֹיס מוֹרָא'דִיגֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען בִּיז מֶען גֶט זִיךְ חַס וְשָׁלוֹם פַאר גָארְנִישְׁט אוּן פַאר נִישְׁט, אוּן וֶועגְן דֶעם אִיז הַיינְט דָא אַזוֹיפִיל גִיטִין רַחְמָנָא לִצְלָן, וָואס מֶען וָואלְט אַלֶעס גֶעקֶענְט פַארְמַיידְן וֶוען מֶען זָאל וִויסְן דִי אֱמֶת'עֶ וֶועג פוּן אַ פַארְהֵייַראטֶע לֶעבְּן.

## אַ צַדִיק מוּז הָאבְּן לֵצִים

דֶערִיבֶּער אוֹיבּ אִיז דָא אַ צַדִיק וָואס קֶען אַזוֹי קְלָאר אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דִי אֱמוּנָה, אַז בַּיי יֶעדֶע זַאךְ אִיז דָא דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוּז שׁוֹין זַיין אַקֶעגְן דֶעם לֵצִים כְּדֵי עֶס זָאל בְּלַייבְּן דִי בְּחִירָה.

ו.

## וֶוער זֶענֶען דִי לֵצִים ! ?

אוּן וֶוער זֶענֶען דִי לֵצִים ? דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען זֵייעֶר פָּגוּם בַּבְּרִית אוּן זֶענֶען אַרַיינְגֶעטוּהן אִין שְׁמוּץ פוּן נִאוּף (עַיֵין סֵפֶר הַמִּדוֹת, אוֹת מְרִיבָה סִימָן כ), אַזוֹי וְוִי מִיר גֶעפוּנֶען שְׁפֶּעטֶער אִין דִי סֶדְרָה (בְּרֵאשִׁית כו, טו) : אַז אַלֶע קְוֶועלֶער וָואס אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעגְרָאבְּן הָאבְּן דִי פְּלִשְׁתִּים פַארְשְׁטָאפְּט, שְׁפֶּעטֶער הָאט יִצְחָק אָבִינוּ נָאכְאַמָאל אוֹיפְגֶעגְרָאבְּן דִי אַלֶע קְוֶועלֶער אוּן זֵיי הָאבְּן

עֶס וַוייטֶער פַארְשְׁטָאפְּט, בִּיז בַּיים סוֹף הָאט עֶר עֶנְדְלִיךְ גֶע׳פּוֹעֵל׳ט אוּן זֵיי הָאבְּן עֶס גֶעלָאזְט אָפֶען, דֶער הֵייליגֶער מְאוֹר וָשָׁמֶשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעט צוּ פַארְשְׁטֵיין (בְּפַּרְשָׁתֵינוּ; וּבִרְמָזֵי יוֹם ב׳ דְסוּכּוֹת): פַארְוָואס הָאט אַבְרָהָם אוּן יִצְחָק אַזוֹי וִויכְטִיג גֶעדַארְפְט הָאבְּן דִי קְוֶועלֶער? ! נָאר יֶעדֶע צַדִיק עֶפֶענְט אוֹיף אַ נַייעֶ וֶועג אִין עֲבוֹדַת הַשֵׁם, וָואס דָאס אִיז אַ בְּאֵר מַיִם חַיִּים, אַ בְּרוּנֶעם פוּן פְרִישֶׁע קְוֶועלֶעדִיגֶע וַואסֶער פוּן וואוּ מֶענְטְשְׁן זָאלְן קֶענֶען שֶׁעפְּן אֱמוּנָה אוּן חִיוּת אֱלֹקוּת, אוּן דָאס זֶענֶען דִי קְוֶועלֶער וָואס דִי הֵיילִיגֶע אָבוֹת הָאבְּן גֶעגְרָאבְּן אוּן זִיךְ אַזוֹי מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם; אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן סִימָן שצה): אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט מְחַבֵּר גֶעוֶוען טוֹיזֶענְטֶער סְפָרִים וָואס הָאבְּן מְגַלֶה גֶעוֶוען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה אוֹיף דֶער וֶועלְט, חַזַ״ל זָאגְן אוֹיךְ (עֲבוֹדָה זָרָה דַף יד ע״ב): אַז דִי מַסֶכְתָּא

עֲבוֹדָה זָרָה פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעהַאט פִיר הוּנְדֶערְט פְּרָקִים; וַוייל מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר פַארְדְרֵייט מִיט אַלֶע מִינֵי עֲבוֹדָה זָרָה׳ס אוּן מִיט אַלֶע סָארְטְן קַשְׁיוֹת אוּן חֲקִירוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעדַארְפְט אוֹיפְקְלֶערְן יֶעדְנְס נַארִישְׁקַייטְן, דֶערְנָאךְ הָאט עֶר דָאס אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר יִצְחָק, אַז עֶר זָאל אוֹיךְ מַאכְן גֵרִים אוּן מְקָרֵב זַיין מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן יִצְחָק הָאט אוֹיךְ גֶעמַאכְט זֵייעֶר אַסַאךְ סְפָרִים וָואס הָאט מְגַלֶה גֶעוֶוען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְנָאךְ הָאט דָאס יִצְחָק אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר יַעֲקֹב, אוּן עֶר הָאט אוֹיךְ מְקָרֵב גֶעוֶוען בָּחוּרִים אוּן יוּנְגֶעלַייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר הָאט גֶעמַאכְט אוֹיסְטֶערְלִישׁ אַסַאךְ סְפָרִים מַמֶשׁ טוֹיזֶענְטֶער טוֹיזֶענְטֶער סְפָרִים וָואס הָאבְּן מְגַלֶה גֶעוֶוען דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְנָאךְ הָאט עֶר דָאס אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן וַוייטֶער פַאר זַיינֶע קִינְדֶער וְכוּ׳

(עַיֵּין שָׁם בַּאֲרִיכוּת). וֶועגְן דֶעם הָאבְּן דִי פְּלִשְׁתִּים דִי לֵיצָנִים זִיךְ אַזוֹי פַּארְלֵייגְט צוּ פַארְשְׁטָאפְּן דִי אַלֶע קְוֶועלֶער אַז מֶען זָאל נִישְׁט קֶענֶען חַס וְשָׁלוֹם מְגַלֶּה זַיין דִי אֱמוּנָה.

## וֶוער עֶס מַאכְט לֵיצָנוּת טוּט שְׁמוּץ אוּן אִיז אַ נוֹאֵף

אַז מֶען זָאל קוּקְן אִין דִי תּוֹרָה וֶוער זֶענֶען גֶעוֶוען דִי פְּלִשְׁתִּים, זֶעהט מֶען (בְּרֵאשִׁית י, יד): אַז זֵיי זֶענֶען רַחְמָנָא לִצְלָן גֶעוֶוען זֵייעֶר פַארְזִינְקֶען אִין נִאוּף, זֵיי זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן אַ מִישׁוּנְג צְוִוישְׁן דִי פַּתְרוּסִים אוּן כַּסְלוּחִים, וָואס פְלֶעגְן זִיךְ טוֹישְׁן מִיט דִי וַוייבֶּער אַהֶער אוּן אַהִין רַחְמָנָא לִצְלָן, אוּן פוּן דֶעם זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דִי פְּלִשְׁתִּים (עַיֵּין בְּרַשִׁ״י שָׁם). וַוייל וֶוער עֶס מַאכְט לֵיצָנוּת פוּן אֵיינֶעם וָואס אִיז מְקַרֵב אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ נוֹאֵף אוּן אִיז פָּגוּם בִּבְּרִית.

### דוּ מַאכְסְט שָׁלוֹם בַּיִת אָדֶער דוּ טוּסְט עֲבֵירוֹת!?

עֶס פֶּעלְט נִישְׁט הַיינְט קֵיין לֵצִים אָבֶער עֶס וֶוערְט זֵייעֶר שְׁנֶעל נִתְגַלֶה וֶוער זֵיי זֶענֶען, מֶען הָאט שׁוֹין לַיידֶער גֶעהֶערְט מֶער וִוי אֵיינְמָאל מַעֲשִׂיוֹת וִוי אַ אִינְגֶעְרְמַאן וָואס אִיז מִכְלוֹמֶר'שְׁט עוֹסֵק אִין שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן בִּיז דֶערְוַוייל הָאט עֶר גֶעהַאט רַחְמָנָא לִצְלָן צוּטוּהְן מִיט יֶענֶעמְס וַוייבּ, אָבֶער קֵיינֶער רֶעדְט נִישְׁט דֶערְפוּן, פַּארְקֶערְט עֶר נֶעמְט נָאךְ שְׁוֶוערֶע גֶעלְטֶער דֶערְפַאר, וֶועגְן דֶעם דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן דִי אַלֶע שָׁלוֹם בַּיִת מַאכֶערְס.

### וֶוער אִיז דַיין "שָׁלוֹם בַּיִת" מַאכֶער!?

מֶען רֶעדְט שׁוֹין נִישְׁט אַז וֶוען מֶען הָאט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס הַקְדָמוֹת דַארְף מֶען בִּכְלַל נִישְׁט צוּקוּמֶען מֶען זָאל דַארְפְן בַּיי דִיר מַאכְן שָׁלוֹם בַּיִת, מֶען וֵוייסְט אַלֵיין וָואס מֶען הָאט צוּטוּהְן, מֶען פִירְט זִיךְ גְלַייךְ אוֹיף מִיט

דִי רִיכְטִיגֶע לִיבְשַׁאפְט, אוּן מֶען הָאט שֵׂכֶל מְוַתֵּר צוּ זַיין אִין שְׁטוּב, מְמֵילָא דַארְף מֶען בִּכְלַל נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ יֶענֶעם, נָאר אֲפִילוּ אַז מֶען גֵייט שׁוֹין יָא צוּ אֵיינֶעם דַארְף מֶען וִויסְן אַ כְּלַל, אַז דִי אַלֶע וָואס נֶעמֶען גֶעלְט פַאר מַאכְן שָׁלוֹם בַּיִת זֶענֶען פָּשׁוּטֶע לֵיצִים אוּן מַאכְן לֵיצָנוּת פוּן דִיר, ״פַארְוָואס זָאל עֶר וֶועלְן מַאכְן גְלַייךְ שָׁלוֹם בַּיי דִיר? אַז דוּ וֶועסְט מֶער נִישְׁט קוּמֶען צוּ אִים וֶועט עֶר דָאךְ נִישְׁט מַאכְן קֵיין גֶעלְט״! דֶערְפַאר מַאכְט עֶר זִיכֶער אַז דוּ זָאלְסְט קוּמֶען צוּ אִים כָאטְשִׁיג צְוַואנְצִיג דְרַייסִיג מָאל, אוּן יֶעדֶע מָאל זָאלְסְטוּ צָאלְן אַ שֵׁיינֶע פָּאר הוּנְדֶערְט דָאלֶער... אָדֶער אִיז דָא קְלוּגֶערֶע וָואס נֶעמֶען שׁוֹין דֶעפַּאזִיט פוּן פָארְאוֹיס אַפָּאר טוֹיזֶענְט דָאלֶער, אַזוֹי הָאט עֶר שׁוֹין פַּרְנָסָה [פוּן יֶענֶעמְס צָרוֹת] פַאר דִי קוּמֶענְדִיגֶע הַאלְבֶּע יָאר...!

אָבֶער אֲפִילוּ וֶוען מֶען זֶעהט נִישְׁט וֶוער דִי לֵיצִים זֶענֶען, אִיז קְלָאר אַז זֵיי זֶענֶען פַארְזִינְקֶען אִין שְׁמוּץ,

וַוייל אוֹיבּ נִישְׁט וָואלְטְן זֵיי נִישְׁט גֶעקְרִיגְט אוֹיף אַ צַדִיק וָואס אִיז זִיךְ מוֹסֶר נֶפֶשׁ אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## ז.

## דֶערְהַאלְט זִיךְ מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת

אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט דַארְף זִיךְ זֵייעֶר דֶערְהַאלְטְן, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן יְסוּרִים טָאר מֶען בְּשׁוּם אוֹפֶן נִישְׁט צוּפַאלְן אוּן פְרֶעגְן חָלִילָה קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר זִיךְ דֶערְהַאלְטְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת, אוּן וִויסְן אַז מֶען קֶען נִישְׁט אַלֶעס פַארְשְׁטֵיין, אֵיין עֵצָה אִיז אָבֶּער דָא, צוּ קוּמֶען צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוּן אִים פַארְצֵיילְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען גֵייט דוּרְךְ, וֶועגְן דֶעם דֶערְמַאנְט מֶען בַּיים דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי אָבוֹת אַבְרָהָם יִצְחָק אוּן יַעֲקֹב, צוּ וַוייזְן אַז אוֹיבּ וִויל מֶען אַז דִי תְּפִילוֹת וָואס

מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען, דַארְף מֶען זִיךְ לֶערְנֶען פוּן דִי אָבוֹת אוּן נִישְׁט פְּרֶעגְן קֵיין קַשְׁיוֹת, אֲפִילוּ אַז דוּ זֶעהסְט אַז דַוְקָא דִי רְשָׁעִים הָאבְּן הַצְלָחָה אוּן עֶס גֵייט זֵיי גוּט, אוּן דִיר גֵייט פּוּנְקְט פַארְקֶערְט דָאךְ טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, נָאר וִויסְן אַז אַזוֹי וִויל דִי בַּאשֶׁעפֶער אוּן עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר נִישְׁט גָארְנִישְׁט, אִיךְ פְּרֶעג נִישְׁט קֵיין קַשְׁיוֹת, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט דָאס אִיז עֶר זוֹכֶה אַז זַיינֶע תְּפִילוֹת וֶוערְן נִתְקַבֵּל.

## פַארְרֶעדְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְן בַּאשֶׁעפֶער

חַזַ"ל זָאגְן (פְּסִיקְתָּא רַבָּתִי פַּרְשָׁה מז): אוֹיבּ אִיוֹב וָואלְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אוּן עֶר וָואלְט זִיךְ נִישְׁט פַארְרֶעדְט אוֹיפְן בַּאשֶׁעפֶער אִין דִי צַייט וָואס אִיז אִים אַדוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אַזוֹיפִיל בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע יְסוּרִים רַחְמָנָא לִצְלָן, וָואלְט מֶען גֶעזָאגְט בַּיים דַאוֶוענֶען אֱלֹקֵי

אִיוֹב פּוּנְקְט וִוי מֶען זָאגְט אֱלֹקֵי אַבְרָהָם אֱלֹקֵי יִצְחָק וֵאלֹקֵי יַעֲקֹב; אָבֶער ווִיבַּאלְד וֶוען עֶר הָאט בַּאקוּמֶען דִי שְׁוֶועֶרֶע מַכּוֹת אוּן יְסוּרִים הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטְן אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ רֶעדְן אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן כַּבְיָכוֹל, אִיז עֶר שׁוֹין בִּכְלַל נִישְׁט גְלַייךְ צוּ דִי הֵיילִיגֶע אָבוֹת, וָואס זֵיי זֶענֶען אוֹיךְ דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען שְׁוֶועֶרֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן דָאךְ הָאבְּן זֵיי זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן נִישְׁט גֶעפְרֶעגְט קֵיין שׁוּם קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## פוּן בַּאשֶׁעפֶער גֵיי אִיךְ נִישְׁט אַוֶועק

אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז גֶעוֶוען דֶער עֶרְשְׁטֶער וָואס הָאט מְגַלֶה גֶעוֶוען דִי אֱמוּנָה, אָבֶער עֶס אִיז אוֹיף אִים אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אִין זַיין לֶעבְּן מוֹרָא׳דִיגֶע שְׁוֶועריקַייטְן, אוּן מֶען הָאט אִים גוּט אוֹיסְפְּרוּבִּירְט, אַזוֹי וִוי חֲזַ״ל זָאגְן (אָבוֹת פֶּרֶק ה, ג): מִיט צֶען נִסְיוֹנוֹת

הָאט מֶען אוֹיסְפְּרוּבִּירְט אַבְרָהָם אָבִינוּ אוּן עֶר אִיז אַלֶעס בַּייגֶעשְׁטַאנֶען; כָּאטְשִׁיג אַלֶעס אִיז אִים גֶעגַאנְגֶען פַּארְקֶערְט, מֶען הָאט אִים בַּארֶעדְט מִיט דִי עֶרְגְסְטֶע זַאכְן, וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז גֶעוָוארְן אַ הוּנְגֶער, הָאט מֶען גֶעזָאגְט אַז צוּלִיבּ דֶעם מִין [כּוֹפֵר] אִיז גֶעוָוארְן דֶער הוּנְגֶער (עַיֵין מִכְתָּבִים בְּסוֹף נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ בְּשֵׁם סֵפֶר תּוֹלְדוֹת יִצְחָק), אוּן עֶר הָאט גֶעדַארְפְט מִיט בּוּשׁוֹת אַרָאפְּגֵיין אוֹיף מִצְרַיִם, אוּן דָארְט אִיז וַוייטֶער דוּרְךְ אוֹיף אִים דִי צָרָה מִיט שָׂרָה, נָאכְדֶעם וֶוען עֶר הָאט גֶעדַארְפְט אַ קְלֵיין שְׁטִיקְל עֶרְד פַּאר אַ קֶבֶר פַּאר זַיין וַוייבּ הָאט מֶען אִים דָאס נִישְׁט גֶעוָואלְט גֶעבְן נָאר אַז עֶר בַּאצָאלְט טַייעֶר גֶעלְט (בְּרֵאשִׁית כג, טז; וְעַיֵין בְּרַשִׁ"י), כָּאטְשִׁיג דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אִים צוּגֶעזָאגְט אַז אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז זַיינְס דָאךְ קֶען עֶר דָארְט נִישְׁט הָאבְּן אֲפִילוּ פִיר אַמּוֹת, אָבֶער אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטַארְק אִין דִי אֱמוּנָה, "עֶס

אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר נִישְׁט גָארְנִישְׁט, אִיךְ פוּן בַּאשֶׁעפֶער גֵיי נִישְׁט אַוֶועק״! יִצְחָק אִיז גֶעוֶוען גְרֵייט זִיךְ צוּ שֶׁחְטְ׳ן פַארְן בַּאשֶׁעפֶער, עֶר הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיי זַיין טַאטֶע: בִּינְד מִיךְ גוּט צוּ כְּדֵי אִיךְ זָאל נִישְׁט וֶוערְן פָּגוּם אוֹיבּ אִיךְ וֶועל מִיךְ וַוארְפְן, אִיךְ וִויל זַיין אַ כָּשֵׁר׳עֶ עוֹלָה (תַּנְחוּמָא וַיֵּרָא אוֹת כג). אוֹיךְ הָאט יִצְחָק גֶעהַאט אַן עֵשָׂיו הָרָשָׁע פַאר אַ קִינְד, אַזוֹי וִוי אַבְרָהָם וָואס הָאט אוֹיךְ גֶעהַאט אַ קִינְד וִוי יִשְׁמָעֵאל אִינְדֶערְהֵיים, וָואס דָאס אִיז אַ גֶעפֶערְלִיכֶע צַעַר, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאבְּן זֵיי זִיךְ דֶערְהַאלְטְן; יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט מִיטְגֶעמַאכְט אַלֶע עֶרְלֵיי צָרוֹת, צָרוֹת פוּן עֵשָׂיו, צָרוֹת פוּן לָבָן, דִי צָרָה מִיט דִינָה, דִי צָרוֹת מִיט רָחֵל, דִי צָרוֹת מִיט יוֹסֵף, דִי צָרוֹת מִיט שִׁמְעוֹן אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, דָאךְ הָאט עֶר זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן נִישְׁט גֶעפְרֶעגְט קֵיין קַשְׁיוֹת.

## יֶעדֶער לַאכְט פוּן דִיר? שְׁוַוייג אָפּ...

דָאס דַארְפְן מִיר זִיךְ לֶערְנֶען פוּן דִי אָבוֹת זִיךְ שְׁטֶענְדִיג קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן, אוּן אֲפִילוּ מֶען מַאכְט לֵיצָנוּת פוּן דִיר אוּן מֶען זָאגְט דִיר אַז עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין וֶועג זִיךְ אַזוֹי צוּ פִירְן, מֶען הָאט פוּן דֶעם קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוִויסְט, זָאלְסְטוּ זִיךְ גוּט אוֹיסְלַאכְן אוּן זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט זִיךְ (עַיֵּין הַמַּאֲמָר בִּתְחִילַּת לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב), פַארְקֶערְט דוּרְךְ דִי אַלֶע בּוּשׁוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ לַיידְט אוּן עֶר שְׁוַוייגְט אָפּ, אִיז עֶר זוֹכֶה אֱמֶת'דִיג תְּשׁוּבָה צוּטוּהְן, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ו): דֶער עִקַּר תְּשׁוּבָה אִיז וֶוען מֶען הֶערְט אַ בִּזָיוֹן אוּן מֶען שְׁוַוייגְט אָפּ. וַוייל תְּשׁוּבָה מֵיינְט אַז מֶען וַוארְפְט צוּרִיק דִי נְשָׁמָה פוּן וואוּ עֶס אִיז גֶעקוּמֶען (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן לה), דָאס הֵייסְט מֶען גֶעט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אוּן

דֶעמָאלְטְס קֶען מֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, און קֵיין שׁוּם זַאךְ קֶען נִישְׁט אַרָאפְּוַוארְפְן, אָבֶער אויב נִישְׁט אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער.

## מֶען הָאט דִיךְ גוּט פַארְשֶׁעמְט? עֶס לוינְט זִיךְ...

מֶען דֶערְצֵיילְט אויף מֶערֶערֶע צַדִיקִים אַז צוּלִיבּ דֶעם וָואס זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן אָפְּגֶעשְׁוִויגְן אויף אַ גְרויסְן בִּזָיון הָאבְּן זֵיי זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן אַ קִינְד אַ גְרויסֶער צַדִיק וָואס הָאט בַּאלויכְטְן דִי וֶועלְט, צְוִוישְׁן זֵיי פַארְצֵיילְט מֶען אויךְ אויפְן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם פוּן מִיכְלְשְׁטַאט זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ [2] אַז דִי סִבָּה וִוי אַזוֹי זַיין

---

[2] עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד פוּנֶעם גְרויסְן בַּעַל מְקוּבָּל און קָדוֹשׁ אֱלֹקֵי רֶבִּי נָתָן אַדְלֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, און אַ חָבֵר פוּנֶעם הֵיילִיגְן חֲתַ"ם סוֹפֵר זְכוּתוֹ תָּגֵן עָלֵינוּ, און מֶען פַארְצֵיילְט נָאךְ מוֹרָא'דִיגֶע אוֹתוֹת וּמוֹפְתִים וָואס מֶען הָאט גֶעזֶעהן בַּיי אִים (עַיֵין בְּסֵפֶר הַבַּעַל שֵׁם מִמִיכְלְשְׁטַאט).

פָּאטֶער הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועוְ צוּ אַזַא קִינְד אִיז גֶעוֶועוְ אַדַאנְק דֶעם וָואס עֶר הָאט אָפְּגֶעשְׁוִויגְן וֶוען מֶען הָאט אִים זֵייעֶר פַּארְשֶׁעמְט און בַּאלֵיידִיגְט, און דִי מַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶועוְ אַזוֹי:

## אִיךְ ווִיל אוֹיךְ קוֹיפְן אֵיין מִצְוָה

רֶבִּי מַתִּתְיָהוּ אִיז גֶעוֶועוְ אַ פָּשׁוּט'עֶר אִיד אָבֶער זֵייעֶר אַן עֶרְלִיכֶער, עֶס אִיז דוּרְךְ אַסַאךְ יָארְן פוּן זַיין חֲתוּנָה און עֶר הָאט נָאךְ נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין קִינְדֶער, וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען שִׂמְחַת תּוֹרָה אִיז גֶעוֶועוְ דֶער מִנְהָג אִין זַיין שׁוּהל אַז מֶען פַאְרקוֹיפְט אַלֶע זְכוּתִים און מִצְוֹת פוּן בֵּית הַמִּדְרָשׁ אוֹיף אַגַאנְץ יָאר, דָאס הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אַ שֵׁיינֶע הַכְנָסָה פָאר דִי גְרוֹיסֶע הוֹצָאוֹת פוּנֶעם שׁוּהל, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דִי עֲשִׁירִים פְּלֶעגְן אָפְּקוֹיפְן דִי מִצְוֹת פַאר גְרוֹיס גֶעלְט, אָבֶער רֶבִּי מַתִּתְיָהוּ הָאט אוֹיךְ זֵייעֶר גֶעוָואלְט זוֹכֶה זַיין צוּ קוֹיפְן

עפּעס אַ מצוה, און כאָטש ער איז געווען אַן אָרימאַן האָט ער אַגאַנץ יאָר צאַמגעשטעלט עפּעס געלט ביז ער האָט אָנגעזאַמלט די קליינע סומע פון זיבן גילדן, אָבער בשעת׳ן פאַרקויפן די מצות האָט מען עס אָפּגעקויפט פאַר כאָטשיג פון פופציק און צוואַנציג גילדן און העכער, נאָר איין מצוה איז נאָך געבליבן צו קויפן, דער וואס זאָל אָנגרייטן יעדן ערב שבת ויום טוב די ספר תורה אין וועלכע מען וועט ליינען, און דאָס אויפמישן אויפן ריכטיגן פּלאַץ; רבי מתתיהו הייבט אָן ציען... און עס איז אים געלונגען, קיינער ציט נישט מער אַרויף, ער גייט אָפּקויפן די זכות...! פאַרן ראש הקהל האָט דאָס אָבער נישט געשמעקט אַז דער אָרימער שנאָרער רבי מתתיהו קויפט אויף אָפּ מצוות, געט ער אַ קלאַפּ אויס הויעך: וויפיל רבי מתתיהו וועט געבן געב איך מער! רבי מתתיהו האַלט שוין ביי זיבן גילדן, אָבער דער ראש הקהל שרייט ״איך וויל געבן

מֶער״, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ רֶבִּי מַתִּתְיָהוּ הָאט עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט קוֹיפְן, עֶר הָאט דֶערְפוּן גֶעהַאט מוֹרָא׳דִיגֶע חֲלִישׁוּת הַדַעַת, אוֹיךְ זַיין וַוייבּ אִין וַוייבֶּער שׁוּל הָאט דָאס מִיטְגֶעהַאלְטְן, אוּן זֵיי זֶענֶען בֵּיידֶע גֶעוֶועז זֵייעֶר צוּקְלַאפְּט אוּן צוּבְּרָאכְן, ״אַ גַאנְץ יָאר הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶעזַאמְלְט זִיבְּן גִילְדְן מִיטְן חֶשְׁבּוֹן צוּ קֶענֶען כָּאטְשׁ קוֹיפְן דִי מִצְוָה פוּן אוֹיפְמִישְׁן דִי סֵפֶר תּוֹרָה, אוּן דָא כַאפְּט עֶס דֶער רֹאשׁ הַקָהָל דַוְקָא אוֹיס מִיט אַזַא עַזוּת״, אַזוֹי זֶענֶען זֵיי אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען פוּן שׁוּהל זֵייעֶר גֶעפַאלְן בַּיי זִיךְ, צוּ דִי זֶעלְבֶּע צַייט וֶוען יֶעדֶער אִיז מוֹרָא׳דִיג פְרֵיילִיךְ מִיט דִי תּוֹרָה.

## אַ בְּרָכָה פוּן אֵלִיָהוּ הַנָבִיא

פְּלוּצְלִינְג טְרֶעפְט זֵיי אֵיינֶער אָן אוּן פְרֶעגְט זֵיי: אִיךְ קֶען אֶפְשֶׁר עֶסְן בַּיי אַייךְ? יָא, פַארְוָואס נִישְׁט! אוּן וִוי אַזוֹי הֵייסְט אִיר? רֶבִּי אֵלִיָהוּ. דֶער גַאסְט רֶבִּי אֵלִיָהוּ

בַּאמֶערְקְט ווִי דִי מַאן אוּן דִי וַוייבּ זֶענֶען בֵּיידֶע צוּבְּרָאכְן בַּיי זִיךְ, גֶעבְּט עֶר אַ פְּרֶעג: וָואס אִיז גֶעשֶׁעהן?! זָאגְט רֶבִּי מַתִּתְיָהוּ: אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט הַיינְט קוֹיפְן דִי זְכוּת פוּן קֶענֶען אוֹיפְמִישְׁן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, אַ זַאךְ וָואס נִישְׁט יֶעדֶער זוּכְט צוּ קוֹיפְן, אָבֶער אִיךְ הָאבּ עֶס יָא זֵייעֶר גֶעוָואלְט הָאבְן, כְּדֵי צוּ הָאבְן אַ חֵלֶק אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ, בִּיז דֶערְוַוייל הָאט מֶען מִיר דָאס דַוְקָא אוֹיסְגֶעכַאפְּט. זָאגְט דֶער גַאסְט: פַארְוָואס דַארְפְּט אִיר הָאבְן אַזַא חֲלִישׁוּת הַדַעַת? פַארְקֶערְט אִין דֶעם זְכוּת וָואס אִיר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט וֶוען מֶען הָאט אַייךְ אַזוֹי פַארְשֶׁעמְט אַקֶעגְן יֶעדְן, אוּן אוֹיךְ הָאט אִיר זִיךְ נִישְׁט אָפְּגֶערֶעדְט אוֹיפְן בַּאשֶׁעפֶער חָלִילָה, וֶועט אִיר פוּן הִימְל בַּאקוּמֶען אַלְץ שְׂכַר אַ קִינְד וָואס וֶועט בַּאלַייכְטְן דִי וֶועלְט! אוּן דָאס אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם פוּן מִיכְלְשְׁטַאדְט זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

## צְוֵויי פֶּעטְשׁ אִין פָּנִים

עֶנְלִיךְ צוּ דֶעם דֶערְצֵיילְט מֶען אוֹיךְ אוֹיף הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי אַהֲרֹן הַגָּדוֹל מִקַּארְלִין זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, זַיין טַאטֶע אִיז גֶעוֶוען אַ שַׁמָּשׁ אִין אַ שׁוּל, אוּן וִוי דֶער שְׁטֵייגֶער אִין יֶענֶע צַייטְן אִיז דֶער שַׁמָּשׁ אוֹיךְ גֶעוֶוען דֶער חַזָּן, אוּן וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דֶער הֵיילִיגְסְטֶער טָאג פוּן יָאר, יוֹם הַקָּדוֹשׁ בַּיינַאכְט דַאוֶוענֶענְדִיג דִי שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה, הָאט עֶר פוּן אַלֶעם פַארְגֶעסְן אוּן זִיךְ גוּט אוֹיסְגֶעוֵויינְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, כָאטְשִׁיג עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעפִירְט וִוי אַ פָּשׁוּט׳עֶר אִיד אָבֶער יוֹם כִּפּוּר כַאפְּט יֶעדְן אִיד אַ צִיטֶער אוּן מֶען דַאוֶוענְט אַבִּיסְל לֶענְגֶער, אוּן זַיין שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה הָאט זִיךְ אַבִּיסְל פַארְצוֹיגְן, דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם הָאט שׁוֹין אוֹיסְגֶעטְרֶעטְן דִי שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה אָבֶער עֶר הָאט נָאךְ גֶעדַאוְונְט מִיט אַ דְבֵיקוּת, דֶער עוֹלָם אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן אַבִּיסְל נֶערְוֶועז [כָאטְשִׁיג

יוֹם הַקָדוֹשׁ בַּיינַאכְט קֶען מֶען נִישְׁט אַהֵיימְגֵיין עֶסְן אַ סְעוּדָה, אוּן עֶס אֲפִילוּ נִישְׁט דָא וואוּ זִיךְ צוּ יָאגְן...] וֶוען עֶר הָאט שׁוֹין עֶנְדְלִיךְ אוֹיסְגֶעטְרֶעטְן גֵייט צוּ אִים צוּ אַן עוֹשֶׁר אַן עַזוּת פָּנִים [3] אוּן דֶערְלַאנְגְט אִים צְוֵויי

---

[3] ווִי דֶער שְׁטֵייגֶער פוּן עֲשִׁירִים אַז זֵיי זֶענֶען גֶעפֶּערְלִיכֶע עַזוּת פָּנִימ׳עֶר (עַיֵין מִשְׁלֵי יח, כג), וָואס דָאס וַוייזְט אוֹיךְ אַז זֵיי לִיגְן אִין נְאוּף (עַיֵין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן נ), וַוייל אַלֶע עֲשִׁירִים זֶענֶען מְשׁוּגָעִים (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן סד), אוּן מֶענְטְשְׁן הָאבְּן נִישְׁט קֵיין שֵׂכֶל אוּן פַאר אַפָּאר דָאלֶער לוֹיפְט מֶען נָאךְ דִי עֲשִׁירִים אוּן מֶען חַנְפְ׳עֶט זֵיי, וָואס דָאס אִיז זֵייעֶר אַ עֶקֶעלְדִיגֶע זַאךְ, אוּן נִישְׁט בְּלוֹיז עֶקֶעלְדִיג נָאר אוֹיךְ עֲבוֹדָה זָרָה, אַזוֹי ווִי מִיר זָאגְן עֶטְלִיכֶע מָאל אַ טָאג בַּיי קְרִיאַת שְׁמַע (דְבָרִים יא, טז): הִשָּׁמְרוּ לָכֶם פֶּן יִפְתֶּה לְבַבְכֶם וְסַרְתֶּם וַעֲבַדְתֶּם אֱלֹהִים אֲחֵרִים וְהִשְׁתַּחֲוִיתֶם לָהֶם - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוּן בִּיקְט אַייךְ נִישְׁט צוּ עֲבוֹדָה זָרָה. שְׁטֶעלְט זִיךְ אַ פְּרַאגֶע, וֶועלְכֶער אִיד גֵייט זִיךְ דֶען בִּיקְן צוּ אַ שְׁטִיק הָאלְץ אָדֶער אַייזְן? אַ אִיד הָאט מֶער שֵׂכֶל פוּן דֶעם?! נָאר דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ וָואס חַנְפְ׳עט אַ צְוֵוייטְן, אוּן וֶוען עֶר זֶעהט אַן עוֹשֶׁר מַאכְט עֶר אַגַאנְצֶע עֵסֶק מִיט אִים, עֶר זֶעצְט אִים אַרוֹיף אוֹיבְן אָן וְכוּ׳,

פְּרַאסְקֶעס אִין פָּנִים... אוּן שְׁרַייט אִים אָן: צוּלִיב אַייךְ דַארְף דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם וַוארְטְן?! אוּן וִוי גָארְנִישְׁט וָואלְט גֶעוֶוען הֵייבְּט עֶר אָן פָארְזָאגְן דֶעם פִּיוּט: יַעֲלֶה תַּחֲנוּנֵינוּ מֵעֶרֶב... וָואס מֶען זָאגְט יוֹם כִּפּוּר בַּיינַאכְט, אוּן אַזוֹי עֶנְדִיגְט עֶר צוּ דִי גַאנְצֶע דַאוֶוענֶען כְּאִילוּ עֶס וָואלְט גָארְנִישְׁט פַּאסִירְט.

## אִיךְ הָאב נִישְׁט וָואס צוּ פַארְקוֹיפְן!

נָאךְ יוֹם כִּפּוּר אִיז אֵיינֶער פוּן דִי מִתְפַּלְלִים צוּגֶעקוּמֶען צוּ אִים אוּן אִים גֶעבֶּעטְן מִיט רַחְמָנוּת: אִיךְ גֶעבּ אַייךְ וִויפִיל גֶעלְט אִיר וִוילְט נָאר פַארְקוֹיפְט מִיר דִי זְכוּת פוּנֶעם בִּזָיוֹן! אִיר הָאט גֶעכַאפְּט אַזַא בִּזָיוֹן

אוּן מַמָּשׁ עֶר בִּיקְט זִיךְ צוּ אִים. פַארְוָואס בִּיקְסְטוּ זִיךְ פַאר אַ מֶענְטְשׁ? זַיין גֶעלְט דַארְפְסְטוּ? גֶעלְט גֶעבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער!!! קֶענְסְט דָאךְ הָאבְּן דִי גֶעלְט פוּן דִי זֶעלְבֶּע פְּלַאץ פוּן וואוּ עֶר הָאט דָאס - פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין! אוּן נָאךְ הָאבְּן אַסַאךְ מֶער...!

פַּאר גָארְנִישְׁט אוּן פַאר נִישְׁט אוּן אִיר הָאט גָארְנִישְׁט צוּרִיק גֶעעֶנְטְפֶערְט...! זָאגְט עֶר אִים: אִיךְ הָאבּ נִישְׁט וָואס צוּ פַארְקוֹיפְן... אִיךְ הָאבּ שׁוֹין לַאנְג פַארְגֶעסְן אַז אִיךְ הָאבּ גֶעכַאפְּט פֶּעטְשׁ! אוּן אִיךְ הָאבּ אִים שׁוֹין לַאנְג מוֹחֵל גֶעוֶועץ, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט גֶעוֶועץ אוּן אִיךְ פַארְקוֹיף עֶס נִישְׁט פַאר קֵיין שׁוּם גֶעלְט!...

## דֶער רַעַשׁ אִין הִימְל

אִין הִימְל אִיז דֶערְפוּן גֶעוָוארְן אַ מוֹרָא'דִיגֶע רַעַשׁ, אַ מֶענְטְשׁ זָאל קֶענֶען אִינְגַאנְצְן אָפְּשְׁוַוייגְן אוֹיף אַזַא גְרוֹיסֶע בִּזָיוֹן, אוּן עֶס זָאל אֲפִילוּ נִישְׁט מַאכְן קֵיין שׁוּם רוֹשֶׁם אוֹיף אִים, הָאט מֶען אִים בַּאשָׁאנְקֶען מִיט אַזַא הֵיילִיג קִינְד וָואס אִיז אוֹיסְגֶעוָואקְסְן דֶער גְרוֹיסֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי אַהֲרֹן הַגָדוֹל פוּן קַארְלִין זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, פוּן דִי גָאר גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים פוּנֶעם הֵיילִיגְן

מֶעזְרִיטְשֶׁער מַגִיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

### גוּטֶע בִּזְיוֹנוֹת - גוּטֶע זַאכְן

זֶעהט מֶען פוּן דֶעם אַז אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ שְׁוַוייגְט אָפּ אוֹיף זַיינֶע בִּזְיוֹנוֹת אוּן עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ, הֶעלְפְּט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּם סוֹף אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ שֵׁיינֶע זַאכְן.

## ח.

### מִיט תְּפִלָּה קֶענְסְטוּ אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן

וַיֶּעְתַּר יִצְחָק לַה׳ לְנֹכַח אִשְׁתּוֹ וְגוֹ׳, וַתַּהַר רִבְקָה אִשְׁתּוֹ וְגוֹ׳ (בְּרֵאשִׁית כה, כא). יִצְחָק מִיט רִבְקָה הָאבְּן שְׁטַארְק גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵיי זָאלְן גֶעהָאלְפְּן וֶוערְן מִיט קִינְדֶער אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָנְגֶענוּמֶען דִי תְּפִילוֹת אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעהָאלְפְּן גֶעוָוארְן; זָאגְט דִי גְמָרָא (סוּכָּה יד ע״א): וַיֶּעֱתַּר אִיז אוֹיךְ פוּן דִי

וָוארְט עֶתֶר, דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע גָאפְּל וָואס מֶען נוּצְט אִין פֶעלְד, אוּן פּוּנְקְט וִוי מִיטְן גָאפְּל דְרֵייט מֶען אִיבֶּער דִי תְּבוּאָה פוּן אֵיין פְּלַאץ צוּם צְוֵוייטְן, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ דוּרְךְ תְּפִלָּה וֶוערְט אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט דֶער מִידַת הַדִין צוּ רַחְמָנוּת אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט דֶעם מֶענְטְשׁ.

## גִיס תְּפִלּוֹת מִיט אַ בְּרֵייטְקַייט וִוי אַ עוֹשֶׁר

נָאךְ זָאגְט דֶער מֶדְרָשׁ (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פַּרְשָׁה סג, אוֹת ה): ״וַיֶּעְתַּר״ אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן עֲשִׁירוּת; צוּ וַוייזְן אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקַארְגְט קֵיין תְּפִילוֹת נָאר גֶעגָאסְן אַסַאךְ תְּפִלּוֹת וִוי אַן עוֹשֶׁר. פּוּנְקְט וִוי בַּיי אַ עוֹשֶׁר שְׁפִּילְט נִישְׁט גֶעלְט קֵיין רָאלֶע, אִין אַלֶע טַאשְׁן הָאט עֶר גֶעלְט אָדֶער קְרֶעדִיט קַארְדְס אוּן דָאס גְלַייכְן, אַזוֹי דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ הָאבְּן אִין אַלֶע טַאשְׁן נָאר תְּפִילָה, אוּן עֶס זָאל זִיךְ גִיסְן בַּיי אִים תְּפִלּוֹת אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן, עֶר זָאל נִישְׁט הָאבְּן קֵיין שׁוּם

דַאֲגָה נָאר יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן זָאל עֶר וִויסְן דֶעם אַדְרֶעס צוּ בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק אִין תְּפִלָּה הֶעלְפְּט אִים דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. חַזַ"ל זָאגְן (דְבָרִים רַבָּה פַּרְשָׁה ב, יז): עֶס אִיז דָא אַ תְּפִילָה וָואס נֶעמְט אַ מִינוּט אוּן מֶען וֶוערְט גְּלַייךְ גֶעהָאלְפְן, עֶס אִיז דָא אַ תְּפִילָה וָואס נֶעמְט אַ שָׁעָה, עֶס אִיז דָא אַ תְּפִלָּה וָואס נֶעמְט אַ טָאג, אָדֶער עֶטְלִיכֶע טֶעג, אוּן וִוידֶער אִיז דָא אַ תְּפִלָּה וָואס נֶעמְט פֶערְצִיג טֶעג; אוּן אַמָאל קֶען עֶס אֲפִילוּ נֶעמֶען אַפָּאר יָאר, אָבֶער קֵיין אֵיין תְּפִלָּה וֶוערְט נִישְׁט פַּארְפַאלְן, דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט תְּפִלָּה אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט נָאכְלָאזְן אוּן אוֹיפְגֶעבְּן דֶעמָאלְטְס וֶועט מֶען זִיכֶער פּוֹעֵלְ'ן בַּיים סוֹף.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן.

~תַּם וְנִשְׁלָם שֶׁבַח לָאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם~

# הספר
# הקדוש הזה

נדפס לטובת נשמת בעל מחבר
של הספר הזה מאור עינינו,
חיות נפשינו, עטרת ראשינו, כבוד
קדושת מרן הגה"ק רבי

## אליעזר שלמה

בן רבי

## מנחם זאב

זצוקללה"ה
נלב"ע י"ד שבט תשע"ה

**ת.נ.צ.ב.ה.**


בס״ד
בשורה טובה
ומשמחת!
שוין יעצט
דא צו באקומען
אפגעשיקט יעדע וואך
צו אייער
טיר
אויף די פאסט
די שטארק אויפגעכאפטע
וועכנטליכע קונטרסים
עצתו
אמונה
הערליכע בריוו, שאלות
ותשובות אין אלע אקטועלע
נושאים אין טאג טעגליכן לעבן,
געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה
הרה״ג ר'
יואל רוטה
שליט״א
היכל הקודש
חיזוק
צום טיר
רופט אדער טעקסט
קרן הדפסה היכל הקודש
718•387•2691
אדער שיקט א אימעיל צו: subscribe@kerenhadfusa.org
goodpointmediainc@gmail.com